STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11628

YOYVL SHRIFT FUN DER YIDISHER FOLKS-BIBLIOTEK, 1914-1964

Jewish Public Library (Montréal

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינהאלט

זייט

מיכאל לאָוטער — אַ האַלבער יאָרהונדערט — 5
יעקב גראָסמאַן — היינט און נעכטן אין דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק 9
ש. בעלקין — וועגן די בראשית־יאָרן פון אונדזער ביבליאָטעק — 44
מלך ראַוויטש — וועלט־וואָרט־בוך־ביבליאָטעק — 58
רחל קאָרן — די ווערטער פון מיין אלף־בית
פאַרשעם ניט מיין וואָרט — לידער — 62
באַגריסונגען פון: יודל מאַרק, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, יצחק באַשעוויס
י. י. שוואַרץ, ברוך שעפּנער — 64
מ. גינזבורג — אייניקע זכרונות פון מיינע ערשטע שריט אין מאָנטרעאָל 67
ב. ג. זאַק — 50־יאָריקע עקזיסטענץ פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק 71
א. סער — צום אייביקן אָנדענק — 74

פאָטאָגראַפיעס און פאָטאָקאָפּיעס

זייט

פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק (1964) — 3
שלום עליכם מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק (1915) 8
אַ בריוו פון פרץ סמאָלענסקין (...188) — 15
אַ בריוו פון אחד העם צו דוד ניימאַרק (1903) — 20
אַ בילד פון איצטיקן בנין פון דער ביבליאָטעק — 27
ה. לייוויק און פרוי מיט אַ גרופּע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג (1957) 34
אַ בריוו פון מרדכי ספּעקטאָר צו ראובן בריינין — 35
אַ בריוו פון פרץ הירשביין צו ראובן בריינין — 38
שלום אַש און פרוי מיט אַ גרופּע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג (1942) 43
אַ כתב־יד פון מענדעלע מוכר ספרים — 48
די פּרעזידענטן פון דער ביבליאָטעק (1914־64) — 55
אַ בריוו פון ד״ר ב. האָפמאַן (צביון) — 73

PHOTOGRAPHS (English Section)

Page

Jubilee Dinner of the Library, 1964 1
Members of the Library Board 7
The Youth Group of the Library 10

פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק — מאָנטרעאַל 1964

מיכאל לאַוטער

(פּרעזידענט פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק)

אַ האַלבער יאָרהונדערט

עס איז אַ גרויסע זכיה פאַר יעדן פון אונדז, פאַר יעדן פריינד פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק און פון דער קולטור פון אונדזער פאָלק, צו דערלעבן דעם פופציקסטן יובל פון אונדזער אינסטיטוציע.

פאַר מיר, אַלס פּרעזידענט פון דער ביבליאָטעק, איז עס אַ ספּעציעלער כבוד פאַר וועלכן איך בין דאַנקבאַר יעדן מיטגליד און פריינד פון דער ביבליאָטעק און יעדן קאָלעגע אין דער פאַרוואַלטונג. יעדן באַזונדער זאָג איך אַ האַרציקן מזל־טוב צו דער שמחה.

די איצטיקע יובל־שריפט איז נישט די ערשטע פּובליקאַציע פון אונדזער ביבליאָטעק. עס זיינען שוין פריער דערשינען צוויי יובל־ביכער.

וואָס שטעלן מיט זיך פאַר די דאָזיקע יובל־ביכער? אין וואָס באַשטייט זייער וויכטיקייט? עס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי שפּיגלען אָפּ די געשיכטע פון די 50 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק זינט איר גרינדונג ביזן היינטיקן טאָג.

די גרינדונג פון אונדזער ביבליאָטעק אין 1914 איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם גייסטיקן און קולטורעלן קלימאַט פון יענע צייטן, אַ פּראָדוקט פון גייסטיקע באַדערפענישן פון אַ יידישן קולטור־באַוואוסטזיניקן יונגן דור אימיגראַנטן פון מזרח אייראָפּע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָט די יונגע לייט, אַליין בויער פון ביבליאָטעקן און לייען־קרייזן אין די גרעסערע און קלענערע יידישע ישובים אין דער אַלטער היים, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אוצר פון קולטור־טראַדיציעס, טראַדיציעס פון פאַרשיידענע יידישע קולטור־טעטיקייטן. זיי האָבן דאָרט געהאַט פּלאַטפאָרמען פאַר זייערע געזעל־שאַפטלעכע אַספּיראַציעס און שטרעבונגען.

די דאָזיקע אידעאַליסטיש געשטימטע יונגעלייט האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ בענקשאַפט פאַר אַזאַ סביבה דאָ, אין זייער נייער היים.

ווען דער געדאַנק פון בויען אַזאַ קולטור־היים אין מאָנטרעאָל איז געוואָרן רייף, איז דער באָדן שוין געווען צוגעגרייט, און עס האָבן זיך נאָר באַדאַרפט באַווייזן אויף דער סצענע אַזוינע איינפלוסרייכע אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקייטן, ווי ראובן ברייניך, יהודה קויפמאַן און אַנדערע ראשונים און פּיאָנערן, וואָס זאָלן געבן דעם סטימול צו שאַפן אַזאַ מין קולטור צענטער. זייער איניציאַטיוו און ענערגיע האָבן געגעבן דעם ענטגילטיקן שטויס צו דער גרינדונג פון אונדזער

ביבליאָטעק אונטער דעם נאָמען „יידישע פאָלקס ביבליאָטעק און פאָלקס אוני־ווערסיטעט״.

עס איז געווען אונדזער שטענדיקע שטרעבונג, אַז די ביבליאָטעק זאָל זיין דער צענטער פון יידישער קולטור־אַרבעט אין מאָנטרעאָל — און אפשר, אין איר ווייטערער אַנטוויקלונג, זאָל זי ווערן דער צענטער פון יידישער קולטור אין קאַנאַדע.

אונדזער ציל איז געווען, און איז, אַז דאָס הויז פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק זאָל זיין אַ גייסטיקע היים פאַר יעדן וואָס איז אַ מיטשאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור און פאַר יעדן וואָס וויל פון דער דאָזיקער קולטור געניסן.

דורך אונדזערע טירן גייען דורך טויזנטער לייענער — קינדער, מענער און פרויען — וואָס קומען צו אונדז לייען ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן און אויף די פאַרשידנסטע טעמעס. מיר צירקולירן איבער זעכציק טויזנט ביכער יעדן יאָר.

אונדזער אינסטיטוציע איז געוואָרן נישט בלויז אַ באַדייטנדיקע ביבליאָטעק וואָס צירקולירט ביכער, נאָר אויך אַ לעבעדיקער, פולסירנדיקער, שעפערישער קולטור צענטער. זי איז געוואָרן אַ בילדונגס אינסטיטוציע: אַ שולע, אַ צענטער פון זעלבסט־בילדונג, אַ פאָלקס אוניווערסיטעט, אַ פאָרום; זי האָט פאַרפלאַנצט ליבע צום יידישן וואָרט און שריפט, זי איז געוואָרן אַן אמתע פאָלקס־היים, אַ טריבונע, פון וועלכער עס האָבן צו אונדז גערעדט הונדערטער לעקטאָרן, שרייבערס, דענקער און וויסנשאַפטלער, פילע פון זיי מיט וועלט נעמען.

די ביבליאָטעק איז געוואָרן אַ זאַמל־פונקט פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט, וואו זיי האָבן די מעגלעכקייט צו שטודירן אין ספּעציעל איינגעאָרדנטע צימערן, באַזאָרגטע מיט פאַרשיידענע רעפערענץ־ביכער און מאַטעריאַלן.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַ רייכן אויסוואַל פון מוזיקאַלישע פּליטן און פירט דורך רעגולערע קאָנצערטן פון רעקאָרד־מוזיק.

געשיכטע ווערט געשריבן מאָרגן, אָפטמאָל אַ סך דורות נאָך די געשעענישן. דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט געפינען אוצרות פון מאַטעריאַלן אין דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק, אין אירע אַרכיוון, וואָס וועלן אָפּשפּיגלען דעם מהות, דעם גאַנג און דעם בייטראַג פון דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק צו דער אַנטוויקלונג פון מאָנטרעאָלער יידישער קהילה.

פאַרשנדיק און נישטערנדיק אין די אַלע אוצרות וואָס די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק האָט אָנגעזאַמלט, וועט ער דעמאָלט קאָנען געהעריק אָפּשאַצן די היסטאָריש־קולטורעלע שליחות און מיסיע, וואָס די ביבליאָטעק האָט אויסגעפירט במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, איר וויכטיקע און גרויסע ראָלע, וואָס זי האָט געשפּילט אין דעם גייסטיקן לעבן פון די יידן אין מאָנטרעאָל און די השפעה, וואָס זי האָט געהאַט אויף אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס. ער וועט מן הסתם געפינען דעם ענגן צוזאַמענבונד צווישן דער ביבליאָטעק און אַנדערע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, און די קעגנזייטיקע איינפלוסן איינער אויף דעם אַנדערן. ער וועט פאַרשטיין, אַז איר איינפלוס האָט זיך איבערגעטראָגן ווייט איבער די גרענעצן פון מאָנטרעאָל און האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג איבער דער גאַנצער וועלט.

צייטן בייטן זיך, באַגריפן ענדערן זיך. עס שאַפן זיך נייע אומשטענדן און אַנדערע קאָניונקטורן.

אַלס אַ פועל יוצא דערפון קומען אויך פאַר ענדערונגען אין דעם מענטשלעכן דענקען. אַלס קאָנסעקווענץ פון די נאַטור־געזעצן אַנטוויקלען זיך נייע סביבות. די מענטשלעכע געזעלשאַפט מוז זיך צופּאַסן צו די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען.

דאָס זיינען די געזעצן פון פּראָגרעס. דאָס שטעלט תמיד יעדע אינסטיטוציע פאַר נייע סיטואַציעס און שאַפט אַלעמאָל נייע פּראָבלעמען. עס קומען פאַר שינויים אין דעם וועלט־באַנעם פון אונדזערע קינדער.

דאָס רופט זיך נאַטירלעך אויך אָפּ אויף אונדזער ביבליאָטעק. מען לייענט ביי אונדז אַנדערע ביכער ווי אַמאָל. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל לייענער אויף אַנדערע לשונות.

מיר האָבן דעצענטראַליזירט די ביבליאָטעק; מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ צאָל צווייגן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. און שוין זיינען די צווייגן כמעט אַזוי גרויס אין דער צאָל לייענער ווי די הויפּט־ביבליאָטעק. שוין האָבן די צווייגן צוגעצויגן צו דער ביבליאָטעק אַ רעזערוואואַר פון איבערגעגעבענע מענטשן — טוער, לייענער, פריינד — וועלכע זיינען אַן אוצר פאַר דער אינסטיטוציע און אַ מקור פאַר טיפער האָפענונג פאַר דער צוקונפט.

מיר שטייען איצט פּנים אל פּנים מיט אַ שווערן פּראָבלעם פון אַ דעצידירנדיקן כאַראַקטער. מיר מוזן איבערטראַגן אונדזער ביבליאָטעק און בויען אַ נייעם בנין אין אַ געגנט, וואו עס וואוינען געדיכטע מאַסן יידן.

אָבער מיר אין אונדזער ביבליאָטעק, טראָץ די אַלע אומשטענדן, מוזן אַלע מאָל געדענקען, אַז מיר האָבן אַן אייביקע נאַציאָנאַלע שליחות: צו פלעגן די קולטור פון אונדזער פאָלק, ספּעציעל אויף יידיש און העברעאיש. דאָס גיט אונדזער אינסטיטוציע דעם ספּעציעלן פאָלקס־כאַראַקטער, וועלכן מיר ווילן אָנהאַלטן.

מיר האָפן, אַז מיר וועלן לייזן די פּראָבלעמען און בייקומען אונדזערע שוועריקייטן מיט דער ווייטערער מיטהילף פון אַלע חברים און פריינד, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון די שעפערישע כוחות, וואָס זיינען געשטאַנען דורך די אַלע יאָרן — און שטייען נאָך איצט — ביי אונדזער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל.

מיר טרעטן אַריין אין דעם יאָר פון אונדזער יובל מיט פרייד, מיט דאַנקבאַרקייט, מיט טיפער באַרעכטיקטער אמונה און באַנייטע כוחות.

שלום עליכם מיט דער ביבליאָטעק פאַרוואַלטונג אין מאָנטרעאַל, 1915

יעקב גראָסמאַן

הײַנט און נעכטן אין דער ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק

מיר גייען אַרײַן אין דעם פופציקסטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער אינסטיטוציע. במשך פון די פינף צענדליק יאָר איז אונדזער ביבליאָטעק פאַרוואָרצלט געוואָרן אין היגן ייִדישן קהילה־לעבן, און איז אנערקענט אין דער ייִדישער וועלט.

אָבער נישט בלויז אין דער ייִדישער געזעלשאַפט איז די ביבליאָטעק באַקאַנט און אָנגעזען. אויך די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונג, די פּראָווינציעלע און פעדעראַלע רעגירונגען האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט אונדזער אינסטיטוציע און שטיצן זי מאַטעריעל ווי אויך מאָראַליש.

מיר פאַרמאָגן אַן אייגענעם בנין אויפן ווינקל פון די גאַסן מאָונט־ראָיאַל און עספּלענייד מיט אַרום 47,000 ביכער אויף ייִדיש, ענגליש, העברעאיש, פראַנצויזיש און אויף אַנדערע שפּראַכן, און נאָך אַמאָל אַזויפיל ביכער, וועלכע זײַנען נאָך נישט אינווענטאַריזירט.

די ביבליאָטעק איז פּאָפּולער צווישן אַלע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון שטאָט און באַדינט אַ ברייטן לייענער־קרייז. צווישן די לייענער געפינען זיך יוגנטלעכע און דערוואַקסענע, פּשוטע פאָלקס־מענטשן און פאָרשער, קינדער און לערער, שילער פון די פאָלקס־שולן און סטודענטן פון די הויכשולן. אין ביבליאָטעק טרעפן זיך דער ייִנגסטער דור לייענער און די וועלכע געדענקען נאָך די בראשית טעג פון אונדזער אינסטיטוציע.

פאַר קינדער האָבן מיר אַ באַזונדערע אָפּטיילונג מיט צוגעפּאַסטע ביכער אויף ייִדיש, העברעאיש און ענגליש.

די ביבליאָטעק איז אָפן צוועלף שעה אַ טאָג, זיבן טעג אין דער וואָך, ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהען, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

די הויפּט־אויפגאַבע פון אונדזער אינסטיטוציע, ווי פון יעדער ביבליאָטעק, איז צו באַדינען די היגע ייִדישע באַפעלקערונג מיט ווערטפולע און נוצלעכע ביכער פון דער שיינער ליטעראַטור און מיט וויסנשאַפטלעכע ווערק. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. אַ גרויסער טייל פון אונדזער אַרבעט באַשטייט אין אָרגאַניזירן און דורכפירן עפנטלעכע לעקציעס, רעפעראַטן, פאָרומס, און סיסטעמאַטישע קורסן אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע און אַנדערע טעמעס מיט דער באַטייליקונג פון שרייבער, וויסנשאַפטלער און פראָמינענטע קולטור־טוער פון אונדזער שטאָט ווי אויך פון אויסלאַנד. אַדאַנק דעם, וואָס די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַן אייגענעם

אוידיטאָריום, וועלכער נעמט אַריין אַן ערך 500 פּערזאָן, אַ מוזיק־צימער, אַ קונסט־צימער, אַ שטודיר־צימער, אַ קינדער־ביבליאָטעק א.אַ.וו., איז מעגלעך דאָס דורכפירן פון אַזאַ ברייטער פּראָגראַם.

חוץ דער פּאַרצווייגטער אַרבעט אין צענטראַלן בנין פירט די ביבליאָטעק אַן איר טעטיקייט און קולטור־אַרבעט אין אירע דריי אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט, וואוהין עס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אַריבערגעצויגן אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די אָנפירונג פון דער אַרבעט פון דער ביבליאָטעק און אירע אָפּטיילונגען געפינט זיך אין די איבערגעגעבענע הענט פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע ווערט געוויילט אויף דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג טיילט אויס אַן עקזעקוטיווע און דריי שטענדיקע קאָמיסיעס:

1. אַ פינאַנס־קאָמיסיע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיטן בודזשעט פון דער אינסטיטוציע.

2. אַ קולטור־קאָמיסיע, וועלכע פאָלגט נאָך און פאָרשט די קולטור־באַדער־פענישן און טענדענצן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און אין הסכם דערמיט פּלאַנירט זי און פירט אָן מיט דער קולטור־טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק. טייל קולטור פאַראַנשטאַלטונגען פון דער ביבליאָטעק ווערן איינגעאָרדנט בשותפות מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. לעצטנס איז די קולטור־קאָמיסיע געווען די איני־ציאַטאָרין צו אָרגאַניזירן דעם „מאָנטרעאָלער קאָמיטעט פאַר יידיש" און טאַקע אין לאָקאַל פון ביבליאָטעק האָט ער געפונען זיין זיץ־אָרט. די קולטור־קאָמיסיע האָט אויך די אויפזיכט אויפן איינקויף פון נייע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק.

3. אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע, וועלכע רעגולירט אַלע ענינים, וואָס זיינען שייך צו דער אַדמיניסטראַציע, פּערסאָנאַל אוןווירטשאַפט פון דער ביבליאָטעק.

די אַלע קאָמיסיעס גיבן אָפּ רעגולערע באַריכטן און קומען מיט זייערע פאָרשלאָגן צו דער פאַרוואַלטונג.

דעם גרעסטן טייל פון איר יערלעכן בודזשעט, וועלכער באַטרעפט 55 טויזנט דאָלאַר, באַקומט די ביבליאָטעק פון פאַראייניקטן יידישן אַפּיל.

די ביבליאָטעק ווערט אויך סובסידירט פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג און פון קולטור־מיניסטעריום פון דער קוויבעקער פּראָווינץ אין דער סומע פון 13,500 דאָלאַר יערלעך.

דער דירעקטאָר פירט אָן מיט דער ביבליאָטעק און מיט אַלע אירע אונטער־נעמונגען, גיט אָפּ באַריכטן צום דירעקטאָרן־ראַט און צו די קאָמיסיעס.

ביי דער ביבליאָטעק זיינען פון אַ ריי יאָרן טעטיק קינדער־ און יוגנט־גרופּעס אין עלטער פון 8 ביז 19 יאָר. פון די ערשטע איניציאַטאָרן, אַז די ביבליאָטעק זאָל מיט איר קולטור־טעטיקייט אַרומנעמען אויך אונדזערע קינדער, איז געווען דזשעני הערשמאַן, די פרוי פון דעם קולטור־טוער, דעם ערשטן פאַרשפּרייטער פון יידישע צייטונגען און פּאַרקויפער פון יידישע ביכער אין מאָנטרעאָל, ה. הערשמאַן. שפּעטער האָט עס איבערגענומען די היגע דיכטערין און האַרציקער קינדער־פריינד, איידע מאַזע. אין קינדער־צימער הענגט נאָך ביז היינט אַ בילד פון דער דיכטערין מיט אַ גרופּע קינדער אין דער ביבליאָטעק, געמאָלן פון ריטאַ בריאַנסקי.

מיט דער צייט זיינען די קינדער גרופּעס געוואַקסן סיי אין דער צאָל ווי אויך אין שטח פון זייערע פאַראינטערעסירונגען. די גרופּעס פאַרנעמען זיך מיט

פאַרלייענען, רעציטירן, דורכפירן פאַרשטעלונגען און שפּילן. די פאַרשטעלונגען, אונטער דער אָנפירונג פון דער רעזשיסאָרין דאָרע וואַסערמאַן, זיינען עפנטלעכע און ציען צו אַ גרויסן עולם עלטערן און פריינד פון די קינדער און דער ביבליאָטעק.

חוץ דעם, וואָס די קינדער און יוגנט לעבן זיך דאָ אויס אין דער יידישער שפּראַך און געפינען דאָ אַ וואַרעמע סביבה, קומען זיי אויך אָהער מיט זייערע פּראָגעס און פּראָבלעמען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. אין די שמועסן און מיינונגס־אויסטוישן מיט עלטערע דערציער ווערן די דאָזיקע פּראָבלעמען אָלזייטיק אַרומגערעדט און אויף אַזאַ אופן ווערן פאַר זיי פיל ענינים מער פאַרשטענדלעך.

די עלטסטע גרופּע איז שוין פאַרבונדן מיט דער אינסטיטוציע אין משך פון די לעצטע 8 יאָר. זיי זיינען שוין היינט סטודענטן פון די היגע אוניווערסיטעטן. פאַר זיי ווערן געהאַלטן לעקציעס און שמועסן איבער פאַרשידענע צווייגן פון יידישן וויסן. זיי באַזוכן קאָלעקטיוו טעאַטער־פאַרשטעלונגען און קונסט־אויס־שטעלונגען, און טיילן זיך דערנאָך מיט זייערע איינדרוקן. די קולטור־קאָמיסיע שטייט אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די גרופּעס.

אונדזער ביכער־אוצר

אין 1934 איז געווען מעגלעך, אַז דער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער״ און לאַנגיאָריקער פריינד פון דער ביבליאָטעק, ישראל ראַבינאָוויטש, זאָל שרייבן (אין ביבליאָטעק־בוך, אין זיין אַרטיקל: „אונדזער ביבליאָטעק — וואָס זי איז און וואָס זי איז נאָך דערוויל ניט״):

„מען עפנט דאָס קאַטאַלאָג־קעסטל אין אונדזער ביבליאָטעק און מען געפינט, אַז אונטערן בוכשטאַב „ג״ פעלט דער נאָמען גייגער, און אונטער „צ״ פעלט אין אַ יידישער ביבליאָטעק נאָך צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ, אַזאַ נאָמען ווי צונץ. איך גלויב, אַז דאָס אַליין איז שוין גענוג כאַראַקטעריסטיש.״

און ב. ג. זאַק האָט דאָן באַמערקט, אין זעלבן ביבליאָטעק־בוך פון 1934:

„אין 1933 ווערט די צאָל צירקולירטע ביכער פאַרקלענערט לגבי דעם פריערדיקן יאָר — פון 16,037 אויף 13,896 — אָבער עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל באַזוכער, און די סיבה איז אַ פּשוטע: אין דער היים פאַרן יידישן בוך פעלן ביכער, ווייל עס איז ניטאָ מיט וואָס צו קויפן.״

די קליינע, אָבער פילזאָגנדיקע טאַבעלע באַווייזט אונדז דעם וואוקס פון דער אינסטיטוציע אין כמות פון ביכער.

פון 449 ביכער, מיט וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער עקזיסטענץ, ציילט שוין היינט די ביבליאָטעק 47,000 אינווענטאַריזירטע און קאַטאַלאָגירטע ביכער.

טאַבעלע נומער 1: צאָל ביכער אין ביבליאָטעק

יאָר	צאָל
1914	449
1934	9,921
1956	35,000
1964	47,000

אונדזער ביכער־אוצר נעמט אַרום אַלע צווייגן פון דער ליטעראַטור: בעלע־טריסטיק, פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, געשיכטע, ביאָגראַפיע, פּסיכאָלאָגיע א.אַנד. וויסנשאַפטן, אין אַלע שפּראַכן וועלכע יידן לייענען. די צאָלרייכסטע אָפּטיילונג איז די זאַמלונג פון פּאָפּולערע און שיינע ליטעראַטור, אויף וועלכע ס'איז דער גרעסטער נאָכפרעג פון אונדזערע לייענער.

די ביבליאָטעק איז ספּעציעל רייך אין יידישע ביכער. מיר באַמיען זיך צו באַקומען אַלע יידישע ביכער, וועלכע דערשיינען היינט צו טאָג אויף דער וועלט. מיר באַמיען זיך אויך איינצושאַפן עלטערע יידישע אויסגאַבעס, וועלכע זיינען דערשינען פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה און זיינען שוין היינט נישטאָ אין פאַרקויף.

פאַר די לעצטע יאָרן האָבן מיר שטאַרק באַרייכערט די העברעאישע אָפּטיילונג. מיר האָבן איצט אַ גרויסע זאַמלונג פון העברעישע ביכער, סיי פּאָפּולערע אויסגאַבן ווי אויך וויסנשאַפטלעכע און לומדישע ליטעראַטור.

אַ ספּעציעלן אינטערעס האָבן מיר פאַר דער ליטעראַטור, וועלכע באַהאַנדלט יידישע פּראָבלעמאַטיק — מיט חכמת ישראל — יידישע געשיכטע, עקאָנאָמיק, דעמאָגראַפיע, פאָלקלאָר, און אַנדערע ענינים.

מיר פאָלגן נאָך דאָס דערשיינען פון די דאָזיקע ביכער אין ענגליש, פראַנ־צויזיש א.אַ. שפּראַכן און די אָפּטיילונג ווערט כסדר באַרייכערט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די זאַמלונג וועגן יידן אין קאַנאַדע אויפן נאָמען פון דער בראָנפמאַן־משפחה.

די דאָזיקע זאַמלונג אַנטהאַלט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן לעבן און שאַפן פון די יידן אין קאַנאַדע.

זי נעמט אַרום:

א. אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן יידן אין קאַנאַדע;

ב. אַלע דרוק־זאַכן אַרויסגעגעבן פון יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין לאַנד, אַריינגערעכנט בולעטינען, צירקולאַרן, וואָס האָבן אַ שייכות צום אינער־לעכן לעבן פון די אינסטיטוציעס.

ג. אַלץ וואָס איז געדרוקט געוואָרן פון קאַנאַדער יידן דאָ ביי אונדז אין לאַנד ווי אויך אין אַנדערע לענדער;

ד. אַלע דרוק־זאַכן, וועלכע דערשיינען אין קאַנאַדע און באַהאַנדלען פּראָגעס פון יידישער געשיכטע, תנ״ך־וויסנשאַפט, אָפּהאַנדלונגען וועגן דער העברעאישער שפּראַך און יידישער מדינה. אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג גייען, צום ביישפּיל, אַריין טעאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען פון קריסטלעכע גייסטלעכע וועגן תנ״ך און וועגן מדינת ישראל, וועלכע זיי באַזוכן.

אַ גאָר גרויסן ווערט שטעלט מיט זיך פאַר די זאַמלונג פון אַלטע ביכער, יקר המציאותן, מיט וועלכע יעדע ביבליאָטעק שטאָלצירט. זינט אַ ריי יאָרן האָבן מיר זיך געשטעלט די אויפגאַבע איינצושאַפן פאַר אונדזער אינסטיטוציע ווערט־פולע און שיינע אַנטיק־ביכער, וועלכע דערציילן וועגן שאַפונגס־פּראָצעס פון יידישן גייסט און זיינען מיילשטיינער אין דער יידישער געשיכטע.

טאַבעלע נומער 2: זעלטענע ביכער צוגעקומען זינט 1957 (צוגאָב צו דער רשימה וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם ביבליאָטעק־בוך 1957)

נאָמען פון ספר	מחבר	שטאָט	יאָר
מחזור רומא		ויניציאַ	1526
נפוצות יהודה. נ״ב דרושים	יהודה מושקאַטו		
ערוגת הבשם. דקדוק לשון		ויניציאַ	1589
הקד׳	שמואל ארקוואלטי	ויניציאַ	1602
שאלות ותשובות	ה״ר יוסף מטראני	פיורדא	1768
סידור		אמסטרדם	1771
זרע אמת. שאלות ותשובות	שמואל הכהן	ליוורנו	1796
דברי נגידים — על דבר החירות לבני ישראל יושבי באַטאווע (הולאַנד)	צבי הירש מאַילפעלד	אמסטרדם	1799
מחזור לשמיני עצרת		אָפּענבאַך	1802
שפתי ישנים	שבתי משורר מפראג	זאלקווא	1806
בית עובד. סדר תפילה לימות החול	ה״ר יהודה שמואל	ליוורנו	1843
דרך מסילה — שמואל א׳		פיורדא	1843
דרך מסילה — יחזקאל		פיורדאַ	1845
נחלת צבי. מוסר וספורי מעשיות מזוהר	ה״ר צבי הירש חאטש	קעניגסבערג	1859
לקוטי קדמוניות. לקורות דת בני מקרא והליטעראַטור שלהם על פי כתבי יד עבריים וערביים.	שמחה פינסקער	ווין	1860
ספר התפוח	אַריסטו (אַריטאַטעלעס)	זיטומיר	1865
דורות עולמים	זלמן סאַבעל		1865
ספורים. איינע זאַמלונג יידישער פאַלקס זאגן...	וואָלף פאַשעלעס	פראַג	1866
שירי קודש	מאיר ליבוש מלבי״ם		1867
מהות הנפש — תכונת הנפש ומהותה — מתרגם	אבונצר	פרסבורג	1867
העילוי	הלל ראַבינאָוויץ	וואַרשע	1877

אהבה תעורר רפאים —	ה"ר פסח בר' דוד לעשצינסקי	לעמבערג	1879
מחיל אל חיל	מ. ד. בראנשטעטער		1885
תולדות חברת מרבי השכלה בישראל	יהודה ראָזענטאַל	פעטערבורג	1885
שר מאה שנה וועגן משה מאָנטעפיאָרע	צבי גאָלדבערג	לעמבערג	1885
אדרת תפארת משה א דרשה צום 99טן געבוירנטאָג פון משה מאָנטעפיאָרע	אליעזר הלוי	לעמבערג	1885
הגיתו החדש	הירצל ת.	ווארשע	1898
ספורי ישורון	י. מוזח		1903
פראָגראַם רעדן. וואַרבורג, האַנטקה, ווייצמאַן, קאַצענעלסאָן, בערקאָוויטש	דער קאָנגרעס אין באַזעל 1897		1903
ד"ר הערצל	שלום עליכם		1904

Manuale Hebraicum — Johannes Buxtorf; Basel, 1621.

Lexicon Hebraicum et Chaldaicum — Johannes Buxtorf; Amsterdam, 1655.

Synagogue Judaica — Johannes Buxtorf; 1661.

Thesoaurus grammaticus linguae sanctae — Johannes Buxtorf; Basel, 1663.

Nouvelle méthode pour apprendre les langues hébreu et chaldaïque; Paris, 1708.

The Hebrew concordance adapted to the English Bible, disposed of the manner of Buxtorf. 2 Vol. — John Taylor; London, 1757.

The Apology of Benjamin Ben Mordecai; London, 1771.

Travels in Asia minor — Richard Chandler; London, 1776.

Revealed knowledge of the prophesies — Richard Brothers; 1794.

Topographical description of Lower Canada — J. Bouchette; London, 1815.

Leon de Modena und seine Stellung zur Kabbalah — A. Geiger; Breslau, 1856

Acht Jahre in Asien und Afrika 1846-55 — Benjamin II; Hanover, 1858.

Eight Yeads in Asia and Africa — Benjamin II; Hanover, 1863.

א בריוו פון פרץ סמאָלענסקין (פון ברייניין אַרכיוו)

P. SMOLENSKY
REDACTEUR DES „HASCHACHAR"
WIEN
Maria Theresienstrasse 19.

Wien, ...188

ידידי היקר!

[illegible]

כי סוף סוף עיר קטנה שקול כנגד כל הקריות שבעולם.

נסה נא, תואיל רק לראות את מכתבך קריא, ואם אין עליך לכל

הכתוב לכתוב נא, שפרש התגלגלים אובפוסוני דהלאה לכסות עיניך

כי אשר עיונה את אוזני ועיניו. קל כי ואם זה סר ראק ואחרי

הלא לקח לו שמחת את סבתך ואני רק התפללתי רבות ..

ערך. עלה באת אוזן והלוני מהגבי שוטנים.

ואחרי כי נצרך פעולת לשון ונא. ואשה אחרים אינו ווישל

לראות לשמע, כי לו מספר הכסף אל האור בכתב אחרון,

ואמרת לו רב הוא הספר כאלה יאיר ה׳ פריעבסדרג.

והנני אוהבך ובנך

יש מהרבש לו את השמש אין דבר ועלה גאת.

דאָס איז געווען דער אָנהייב

די גרינדונג פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק איז פאָרגעקומען דעם 22טן פעברואַר 1914 אויף אַ קאָנפערענץ פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צונויפגערופן פון דעם אָנגעזעענעם העברעאיש־יידישן שרייבער ראובן ברייניז.

אַ לענגערע צייט פאַר דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט ברייניז, וואָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אדלער״, געשריבן אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן אין מאָנטרעאַל אַ פאָלקס־ביבליאָטעק און האָט אויף אַזאַ אופן צוגעגרייט דעם באָדן דערצו.

אַ קערן פון אַזאַ אינסטיטוציע האָט שוין עקזיסטירט זינט עטלעכע יאָר אין דער פאָרם פון אַ קליינער ביכער־זאַמלונג ביי דער אָרטיקער גרופע פועלי ציון. די ביכער־זאַמלונג האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן אָרט; זי האָט געוואָנדערט אין פאַרשידענע צייטווייליקע דירות ביז זי האָט לסוף געפונען אַ מקום מנוחה אין דעם „באַראָן דע הירש אינסטיטוט״, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אָן איינ־געפונדעוועטע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע אין שטאָט.

אויך די צייט איז געווען רייף פאַר שאַפן אַזאַ אינסטיטוציע ווי די יידישע ביבליאָטעק. אין מאָנטרעאַל האָט זיך שוין געפונען אַ גרופע יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן, וועלכע האָבן פון זייערע היימישע שטעטלעך אין רוסלאַנד, פוילן, ליטע, מיטגעבראַכט אַהער אין דער נייער היים, זייער אינטערעס פאַר אַ נייעם, מאָדערנעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי זיינען געווען באַקאַנט מיט די אידייען פון אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע, פרץ און שלום עליכם. אויך די יונגע — אברהם רייזען, שלום אַש און פרץ הירשביין — זיינען שוין געווען באַקאַנט און באַליבט ביי דער ניי־געקומענער יידישער יוגנט.

אין ניו־יאָרק איז שוין צו יענער צייט געווען אַ פאַרשפּרייטע יידישע פּרעסע און אַ ברויזנדיק געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן: פּאַרטייען־קאַמף, מאָדערנער נאַציאָנאַליזם, וועלטלעכקייט, די פאַרשידענע גרופּירונגען פון די „יונגע״ אין דער ליטעראַטור — האָבן באַהערשט דאָס גייסטיקע לעבן פון דער יידישער אימיגראַציע.

דאָס אַלץ האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג און האָט אויך גענומען אַריינדרינגען אין מאָנטרעאַלער יידישן לעבן. צו יענער צייט איז ביי אונדז אין שטאָט אַרויס אַ טעגלעכע יידישע צייטונג. די ערשטע ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע גרופּי־רונגען זיינען שוין געווען טעטיק צווישן דער פאָלקסטימלעך־אינטעליגענטער יוגנט. עס האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ וועלטלעך־נאַציאָנאַלער שול.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס דער באַגייסטערטער רוף פון אַזאַ חשובן איינאָפּעישן שרייבער ווי ראובן ברייניז, צו וועלכן מ׳האָט אַרויפגעקוקט מיט דרך ארץ און פאַרערונג, איז דערהערט און מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרן. די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט אַן אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון צען פּערזאָן, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי דער „קאָמיטעט פון דער יידישער ביבליאָטעק און פאָלקס־אוניווערסיטעט״. ראובן ברייניז איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט און דער יונגער סטודענט יהודה קויפמאַן — דער סעקרעטאַר.

דער קאָמיטעט האָט אויף איינעם פון זיינע זיצונגען פּראָקלאַמירט אַ „קאַמפּיין״ פון טויזנט דאָלאַר, געדונגען אַ דירה אויף 669 סט. אָרביין (לויט די אַלטע

גומערן) און דעם ערשטן מאַי 1914 איז פאַרגעקומען די דערעפענונג פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק. אין דעם בייזיין פון אַ גרויסן באַגייסטערטן עולם, וואָס האָט געפילט, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־ווינקל אין שטאָט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ ביבליאָטעקאַרין — דאַראַ זעלינגער — און די קליינע, באַשיידענע ביבליאָטעק איז צוגעטראָטן צו איר אייגנטלעכער אַרבעט.

די ערשטע יאָרן

צו די 449 ביכער, וואָס האָבן געשאַפן דעם קערן פון דער נייער ביבליאָטעק איז צוגעקומען נאָך אַ באַדייטנדיקע צאָל. די פאַרוואַלטונג פון ביבליאָטעק האָט פּראָקלאַמירט אַ זאַמל־אַקציע פון ביכער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג וואָס האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן מיט ביכער־מתנות.

די ביבליאָטעק איז ביסלעכווייז געוואַקסן און איז געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פון דער פאָלקסטימלעך־אינטעליגענטער יוגנט. די ערשטע וועלט מלחמה, וואָס איז אין אייניקע חדשים אַרום נאָך דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק, אויסגעבראָכן אין אייראָפּע, האָט אין דער ערשטער צייט נישט געשטערט דער נאָרמאַלער אַרבעט פון דער אינסטיטוציע.

אין זעלבן יאָר פון איר גרינדונג האָט די ביבליאָטעק איינגעלאַדן דעם ערשטן גאַסט פון ניו־יאָרק — דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד — וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין די קרייזן פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס־אינטעליגענץ אין אַמעריקע. דערמיט איז איינגעשטעלט געוואָרן די זייער שיינע קולטור־טראַדיציע, וואָס האַלט אָן עד היום אין ביבליאָטעק: צו פאַרבעטן אָנגעזעענע יידישע פּאָעטן און שרייבער פון לאַנד און אויסלאַנד אויף לעקציעס. אויך איצט האַלט אָן די טראַדיציע צו פאַרבעטן אויף די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון דער ביבליאָטעק אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע רעפערירן אויף ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

אין יאָר 1915 האָט די ביבליאָטעק פאַרבעטן קיין מאָנטרעאָל דעם גרויסן יידישן הומאָריסט שלום עליכם. מיט גרויס ליבשאַפט און באַגייסטערונג איז דער גאַסט אויפגענומען געוואָרן ביי אונדז אין שטאָט. מיט שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן איז שלום עליכם באַגעגנט געוואָרן פון גרויסן ענטוזיאַסטישן עולם אין פּרינצעס טעאַטער, וואו ער האָט פאַרגעלייענט פון זיינע שאַפונגען. די געציילטע ראשונים, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן צווישן אונדז: ישראל בערמאַן, ל. צוקער, גיטל גערשאַנאָוויטש, דר. אַרטענבערג, יוליוס ראָזענפעלד, דערמאָנען ביז היינט די פרייד און יומטובדיקייט וואָס שלום עליכם האָט אַריינגעבראַכט ביי אונדז אין שטאָט. מער איז שוין נישט באַשערט געווען צו האָבן צווישן אונדז — אַ יאָר שפּעטער איז דער גרויסער יידישער הומאָריסט אַוועק אין דער אייביקייט.

ראובן בריינין און יהודה קויפמאַן, די באַגייסטערער פאַר דער אידייע פון אַ קולטור און בילדונגס־צענטער, פאַרלאָזן אין 1916 מאָנטרעאָל און די גאַנצע אחריות פאַר דער אויפהאַלטונג און אָנפירונג מיט דער אינסטיטוציע פאַלט אויף די איבערגעבליבענע טוער. עס ווערט אויסגעוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט

ל. צוקער ווי דער פּרעזידענט און ש. בעלקין, איצט אין קאַליפאָרניע, אַלס סעקרעטאַר פון פאָלקס־אוניווערסיטעט.

אין פּראָספּעקט וואָס די פאַרוואַלטונג האָט אַרויסגעגעבן ווערן אָנגעוויזן די ברייטע צילן און אויפגאַבעס, וואָס די אינסטיטוציע שטעלט זיך: „דער יידישער פאָלקס־אוניווערסיטעט ווערט דערעפנט פאַר די אַלע, וועלכע דורשטן נאָך ליכט און וויסן, פאַר די אַלע וואָס שטרעבן צו אַ פרייער גייסטיקער אַנטוויקלונג און בילדונג אין ברייטסטן זין פון וואָרט. ... ער וועט שטרעבן צו זיין אַ מוסטער פון אַ העכערן לערן־אַנשטאַלט פאַר די פאָלקס־מאַסן, וואו דאָס לעצטע וואָרט פון וויסנשאַפט וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג, וואו דאָס דערלייזנדע וואָרט פון די מאָדערנע גייסטער און דענקער וועט הויך געהערט ווערן.״

די לעקציעס און קורסן פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, אויף פאַרשידענע טעמעס פון אַלגעמיינעם און יידישן וויסן, זיינען טאַקע געווען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָבן צוגעצויגן אַ קרייז צוהערער פון אַרבעטער און פאָלקס־אינטעליגענטן. די לעקציעס האָבן אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן פון די צוהערער און זיי באַרייכערט מיט אַ סך וויסן. צו די אָנגעזעענע פּרעלעגענטן פון יענער צייט, וועלכע זיינען מיט אונדז ביז היינטיקן טאָג געהערן דר. אַרטענבערג, מייקל גאַרבער, קיו.סי., היינט פּרעזידענט פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, דעמאָלט — אַ יונגער סטודענט פון מעקגיל אוניווערסיטעט און משה מייערסאָן. צווישן די וואָס זיינען שוין נישט צווישן די לעבעדיקע געהערט אַלעקסאַנדער כאַשין. די אויסגעברייטערטע טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק שאַפט איר אַנזען און פּאָפּולאַריטעט אין שטאָט. עס קומען צו נייע טוערס, וואָס ווערן אַקטיוו ביי דער ביבליאָטעק.

אין די יאָרן 1915—1918 קומען פאָר ענדערונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט. די ידיעות וועגן די גירושים און נויט פון די יידן אין די מלחמה־געגנטן — אין ליטע, פּוילן, גאַליציע און רומעניע — מאַכן אַ שווערן רושם אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון מאָנטרעאָל, וואָס זיינען פאַרבונדן משפּחהדיק און נאַציאָנאַל מיט די יידן אין יענע מקומות. די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ווערט איצט פאַרווענדט צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די טויזנטער מלחמה־געליטענע אין דער אַלטער היים. עס ווערן דורכגעפירט זאַמלונגען פון געלט, קליידער און שפּייז איבערצושיקן קיין מזרח־איירופּע.

אין יענער צייט ווערט געשאַפן דער „פאָלקס־פאַרבאַנד״, וואָס ווערט די צענטראַלע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די יידן אין איירופּע. אַ ריי אַקטיווע טוערס פון דער ביבליאָטעק שליסן זיך אָן אין פאָלקס־פאַרבאַנד. די הילפס־אַרבעט ציט צו אַ ברייטן קרייז פון דער יידישער געזעלשאַפט, און דאָס איז גורם צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון יידישן לעבן דאָ. אין רעזולטאַט פון דעם ווערט אין 1919 געשאַפן דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס.

U. GINZBERG
ODESSA,
Sturdzowsky, 13.

Odessa, 4/17. IV 1903

Herrn Dr. D. Neumark
Rakonitz

ידידי הנכבד

תודה לך בעד התמונה, והנני מחזיר לך בזה את הגליון.

– שמח אני מאד על כי סוף סוף יש לך תקוה לצאת מעמק-בכא שלך לאור גדולה. והנני מקוה, כי בעושר ימי הבצרון לגדולה, לא ינשה לך זה לעזוב את הספרות, כמו שראינו כבר בדוגמא אצל רבים מן הרבנים המלומדים.

— את מאמרו של [illegible] שמלי הוא עצמו, אבל ידעתי מקודם [illegible] ולא יכלתי להבין רב בשמו. באלו הימים [illegible] את אחד מדברי [illegible] ולתקן את המאמר אין לי. בכלל היה כל הענין [illegible] לו. כמובן, לא נשארתי [illegible] על גדפיו של [illegible] אולם כנירדו, אלא שנפלאות [illegible]. כי חרדו של כל החרדה הזאת עד יוצא מאמר כתוב עבשות. והנה [illegible] לי החוברה. מצאתי [illegible], כי מכל „אמת מארץ תצמח" תרגם את בקורתו על „אלטנויאלאנד" [illegible] ונדפס ההוספה שלא הרגיש [illegible] להבין, שנוסף על המאמר, כדי שיוציאו [illegible] שבת של [illegible] ואחד. [illegible] Inde ira. [illegible] חלב לו [illegible], [illegible] [illegible], [illegible] : [illegible] ונירדו, [illegible] את הענין אחר [illegible] „האלטנויאלאנד" את [illegible].

והנני מברכך בשלום ובשמחת החג

שלך באמונה

[signature]

א בריוו פון אחד העם צו דוד ניימארק.
פון ביבליאָטעק אַרכיוו

קריטישע יאָרן

פון דעם יאָר 1918 געפינט זיך די ביבליאָטעק אין אַ צושטאַנד פון אַ פערמאַנענטן פינאַנציעלן קריזיס. די הכנסות פאַרקלענערן זיך. די צאָל מיטגלידער וואַקסט ניט. די אינסטיטוציע ראַנגלט זיך מיט אַ שטענדיקן דעפיציט, און קעמפט פאַר איר עצם עקזיסטענץ. אייניקע טוערס ווערן מיד פון טראָגן די שטענדיקע לאַסט פון דחקות, און עס קומט אויף דער געדאַנק צו שליסן די ביבליאָטעק ווי אַן אַקט פון אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג. אָבער צו דעם איז ניט געקומען. מ׳האָט פאַרדאַפּלט און פאַרדרייפאַכט די אָנשטרענגונג: עס ווערן דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען, געלט־זאַמלונגען, אַ מיטגלידער־קאַמפּיין, וואָס האָט געגעבן אַ צייטווייליקן פּאָזיטיוון רעזולטאַט. עס ווערט אויסגעוויילט אַ נייע עקזעקוטיווע פון ענערגישע, טיכטיקע מענטשן (ביז היינט זיינען אין דער פאַרוואַלטונג אַקטיוו אייניקע פון יענער עקזעקוטיווע: ישראל בערמאַן, גיטל גערשאַנאָוויטש, מ. האַלפּערן) און די אַרבעט איז ווייטער געגאַנגען.

אין 1921 איז מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג געקויפט געוואָרן אַן אייגן הויז אויף 4115 סט. אורביין גאַס. דאָס האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם עול, און פאַרגרעסערט דעם דעפיציט. און אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג אין מאַי 1922 ווערט באַטראַכט דער פאָרשלאַג פון דער עקזעקוטיווע, מ׳זאָל שליסן די ביבליאָטעק אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, ביז עס וועט געשאַפן ווערן אַ פּלאַן אָנצוקוקן די אינסטיטוציע אויף „פעסטע יסודות״.

יהודה קויפמאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גאַסט אין מאָנטרעאָל און איז פאַרבעטן געוואָרן צו דער זיצונג, האָלט אַ פּאַטעטישע רעדע וועגן דער וויכ־טיקייט פון אַזאַ קולטור־צענטער, און פאָדערט אויף די פאַרוואַלטונג זיך אָפּצוהאַלטן פון דעם פאַרצווייפלטן שריט. אין די פּראָטאָקאָלן פון יענער צייט געפינען מיר אַ דערמוטיקנדיק וואָרט פון ל. צוקער, אַז מ׳דאַרף זיך ניט מיאש זיין, עס איז צרת רבים: אַלע היגע שולן ראַנגלען זיך מיט אַ מאַטעריעלן קריזיס. עס איז דעמאָלט צום פאַטאַלן שריט ניט געקומען.

עס איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישן די פירערס און טוערס פון דער ביבליאָטעק, אַז גראָד אין דעם קריטישן יאָר 1922 איז געשאַפן געוואָרן אַ קולטור־קאָמיסיע וואָס האָט צוגע־שטעלט אַן אויספירלעכן פּלאַן פאַר דער טעטיקייט פאַר דעם יאָר: 1. זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אייראָפּעאישע און אַנדערע פאַרלאַגן, און איינקויפן די וויכטיקסטע, ניי־דערשינענע ביכער. 2. איינאָרדענען יעדע 2 וואָכן ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן מיט דריי אָפּטיילונגען: א) אַ פאַרלעזונג; ב) מוזיק־נומער; ג) אַ לעקציע. 3. זיך באַמיען פון צייט צו צייט אַראָפּברענגען לעקטאָרן. די לעקציעס זאָלן זיין פון ליטעראַרישן, וויסנשאַפטלעכן, היסטאָרישן, נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער, און קענען געהאַלטן ווערן אין יידיש, צייטנווייז אין ענגליש.

די ווייטערדיקע יאָרן זיינען אויך ניט געווען בעסער אין מאַטעריעלן זינען. און אין מערץ 1926 האָט מען מודיע געווען די מיטגלידער, אַז די ביבליאָטעק איז געשלאָסן.

זי איז צוריק געעפנט געוואָרן אין מאַי נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג.

דער בנין אויף 4099 עספּלענייד

די דראַענדיקע סכנה פאַר דער אינסטיטוציע האָט אויפגערודערט די טוערס און די מיטגלידערשאַפט. מ'האָט זיך ווידער גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט און עס איז אונטערגענומען געוואָרן אַן אַמביציעזער פּלאַן — גראָד אין דער שווערסטער צייט פאַר דער ביבליאָטעק — צו שאַפן אַ פאָנד פאַר אַן אייגענעם בנין, וואָס זאָל באַפרידיקן די נויטן פון דער וואַקסנדיקער, אויסגעברייטערטער טעטיקייט.

די נייע באַאמטע נחום מייערסאָן, ישראל ראַבינאָוויטש און ש. טעמקין (די לעצטע צוויי זיינען דעם יאָר אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז) האָבן אָנגעווענדעט זייער גאַנצע ענערגיע, האָבן אָרגאַניזירט דעם געלט־קאַמפּיין, אַראָפּגעבראַכט גאַסט רעדנער פון ניו־יאָרק, אויפגעמונטערט די טוערס צו מאַכן כלערליי אונטער־נעמונגען און אין 1929 איז געקויפט געוואָרן די געביידע אויף 4099 עספּלאַנייד. צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ רחבותדיקע דרייעטאַזשיקע געביידע, מיט אַ זאַל און אַ פיינעם אָפיס־צימער.

די צאָל לייענערס און מיטגלידער־אונטערשטיצערס איז פאַרגרעסערט געוואָרן און אין 1934 איז דער 20־יאָריקער יובל פון דער ביבליאָטעק געפייערט געוואָרן אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן מיט דעם דיכטער ה. לייוויק ווי אַ גאַסט־רעדנער.

ה. לייוויקס רעדע האָט דעמאָלט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם.

לכבוד דער דאָזיקער דאַטע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זאַמלבוך אונטערן נאָמען „ביבליאָטעק־בוך". אין זאַמלבוך באַטייליקן זיך: א. אלמי, רחל אייזענ־בערג, ש. בעלקין, ראובן ברייניז, נ. י. גאָטליב, גיטל גערשאָנאָוויטש, א. גרינבערג, י. מ. דימענשטיין, פּרץ הירשביין, ה. הערשמאַן, דזשעני הערשמאַן, שלמה ווייסמאַן, ב. ג. זאַק, י. י. סיגאַל, גרשון פאַמעראַנץ, ח. פריפּשטיין, מ. קאַנטאָר, ק. קאַפּלאַנסקי, א. קאַצמאַן, דר. י. קויפמאַן, ח. מ. קייזערמאַן, ה. קיילעס, דר. א. א. ראָבאַק, ישראל ראַבינאָוויטש, מלך ראַוויטש, יונה ראָזענפעלד, צ. רייזלער. דאָס בוך איז רעדאַגירט געוואָרן פון ב. ג. זאַק און י. ראַבינאָוויטש.

איצט, ווען דער פילפאַך־אויסגעוואַקסענער בודזשעט פון דער ביבליאָטעק איז געזיכערט מצד דעם „פּאַראייניקטן יידישן אַפּיל" (זינט 1950), פון מיטגליד־אָפּצאָל און פון די סובסידיעס פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג און פּראָווינציעלער רעגירונג, איז קוים מעגלעך זיך צו פאָרשטעלן וועלכע המצאות און איינפאַלן מ'האָט אויסגעפונען כדי צו שאַפן די נויטיקע מיטלען צו דעקן דעם אָרעמען בודזשעט — צאָלן דירה־געלט, שפּעטער — דעם חוב פון מאָרטגעדזש, שכירות די ביבליאָטעקאַרן, איינקויפן נייע ביכער.

קודם־כל — מיטגליד־אָפּצאָל. מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פלעגן זיך פונאַנדערטיילן אין קאָמיסיעס צו מאָנען דעם קאַרגן אָפּצאָל; טעג־דעי אָדער אַ בלימל־טאָג אין שטאָט, באַזונדערס אין יידישן דיסטריקט; הויז־צו־הויז זאַמ־לונג; פּיקניקס; עקסקורסיעס אויף אַ שיף טיילמאָל אַליין, טיילמאָל בשותפות מיט די פּרץ־שולן אָדער מיט די פאָלקס־שולן, באַזאַרן, לעקציעס מיט ניו־יאָרקער שרייבערס.

צו די דאָזיקע אונטערנעמונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אַן אַ הפסקה אין משך פון גאַנצן יאָר, פלעגן מאָביליזירט ווערן צענדליקער פאַרלעך פון יונגע

מענער און פרויען, וועלכע פלעגן מיט געטריישאַפט אָפּגעבן זייער צייט און ענערגיע כדי צו טאָן זייער חוב פאַר זייער באַליבטער אינסטיטוציע. מ׳קען זאָגן, אַז במשך פון די ערשטע פינף צענדליק יאָרן זיינען דורך דער ביבליאָטעק־שול דורכגעגאַנגען אַן אַ גוזמא טויזנטער מענטשן. דערביי האָבן זיי זיך אויך גייסטיק אַנטוויקלט: געלייענט ביכער, געהערט לעקציעס און רעפעראַטן, זיך באַקאַנט מיט די רעפּרעזענטאַטיווע פּאַרשטייערס פון דער יידישער גייסטיקער וועלט — שרייבערס, קינסטלער, מוזיקער און אַנד.

די ביבליאָטעק, צוזאַמען מיט די יידישע שולן, האָבן אויסגעשטאַלטיקט און אַנטוויקלט דורות יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן, וואָס האָבן מיט דער צייט איבערגענומען די פירנדיקע פּאָזיציעס אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און הגם אַ באַדייטנדיקער טייל פון די מענטשן האָבן שפּעטער זיך באַזייטיקט פון דער ביבליאָטעק־אַרבעט, איז אָבער דער חותם פון דער יידישער קולטור־סביבה פון דער אינסטיטוציע און דער סענטימענט פאַר יידיש, פאַר יידישער קולטור און אירע שאַפערס, פאַרבליבן עד היום.

אין משך פון אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די ביבליאָטעק געהאַט מזל צו האָבן איבערגעגעבענע טוערס און פריינד, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן קולטור־צענטער. קיין אַרבעט איז פאַר זיי נישט געווען צו מינדערוויכטיק אָדער צו שווער, אַלץ האָבן זיי געטאָן מיט ליבשאַפט און אָפּגעהיט די אינסטיטוציע ווי זייער אייגענע היים. אין זיינער צייט זיינען דאָס געווען אליהו גרינבערג און א. קאַצמאַן, ישראל עטינגער ע״ה, יבדל לחיים משה האַלפּערין און צענדליקער אַנדערע איבערגעגעבענע פריינד.

אַ גרויסער געווינס פאַר דער ביבליאָטעק אין יענע שווערע יאָרן איז געווען די מיטאַרבעט פון רחל אייזענבערג אַלס ביבליאָטעקאַרין. רחל אייזענבערג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך מעלות טובות און איבער אַלעמען האָט אַריבער־געוואויגן איר גרויסע ליבע צום יידישן בוך און במילא אויך צו דער ביבליאָטעק — דעם היכל פון יידישן בוך. איר איז צו פאַרדאַנקען, וואָס זי האָט אָוועקגעשטעלט די ביבליאָטעק אויף מאָדערנע יסודות: זי האָט איינגעשטעלט אַ גוטע קלאַסי־פיקאַציע פון די ביכער און האָט פיל פאַרבעסערט די אַרבעט ביי דער צירקולאַציע.

רחל אייזענבערג האָט אויך דערפילט די העכסטע מיסיע פון אַ ביבליאָטעקאַר: זי האָט געהאָלפן אויסשלייפן דעם ליטעראַרישן געשמאַק ביי די לייענערס. זי איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק און האָט אַ סך מיטגעווירקט צו דערציען אַ דור ערנסטע לייענערס.

די פאַר צענדליק יאָר מיטאַרבעט פון רחל אייזענבערג זיינען געווען אַ ברכה פאַר דער ביבליאָטעק.

צו די פאַרוואַלטערס האָט די ביבליאָטעק אויך געהאַט אַ באַזונדערן מזל. דאָס זיינען אַלעמאָל געווען מענטשן איבערגעגעבן דער אינסטיטוציע, וועלכע האָבן אין זייער אַרבעט געזען אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות. אַזאַ איז געווען הערץ קיילעס, וואָס האָט במשך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק. אַליין אַ קולטור־מענטש, וועמען די צילן און אויפגאַבעס פון דער ביבליאָטעק זיינען געווען נאָענט צום האַרצן, האָט ער מיט ליבע און געטריישאַפט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע און צייט דער דאָזיקער אינסטיטוציע. ביז היינט איז קיילעס פון די נאָענטסטע פריינד און טוערס פון ביבליאָטעק.

ווען קיילעס האָט פאַרלאָזן זיין אַמט, האָט זיין אָרט איבערגענומען יוסף דאַנילאַק, אַ לערער אין די קאַנאַדער יידישע שולן, איז אים די ביבליאָטעק געווען נאָענט און אייגן, וואָס מען האָט געקאָנט זען אין זיין איבערגעגעבענער אַרבעט. ליידער האָט זיין אַרבעט אין ביבליאָטעק לאַנג נישט אָנגעהאַלטן — בלויז אַ פּאָר יאָר. דער טויט האָט אים אין יאָר 1951 פּריצייטיק אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען.

אין 1953 האָט דוד ראָם איבערגענומען די אָנפירונג מיט דער ביבליאָטעק ווי איר דירעקטאָר.

די באַנייאונג פון פאָלקס־אוניווערסיטעט

זומער 1941 באַזעצט זיך ביי אונדז אין שטאָט דער יידישער שרייבער מלך ראַוויטש. ער איז שוין געווען ברייט באַקאַנט אין דער ליטעראַרישער און קולטור־וועלט ווי אַ פּאָעט און עסייאיסט. חוץ זיין נאָמען אַלס גרויסער יידישער וואָרט־מייסטער איז ראַוויטש אויך געווען באַקאַנט ווי אַן אַקטיווער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער און בויער סיי אין פּוילן, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, וואו ער האָט זיך קירצער אָדער לענגער אויפגעהאַלטן.

די פאַרוואַלטונג פון ביבליאָטעק האָט גלייך פאַרבעטן מלך ראַוויטשן אַלס דירעקטאָר פון באַנייטן פאָלקס־אוניווערסיטעט (ייפ״א), וואָס איז געווען אַ טייל פון דער קולטור־אַרבעט פון דער אינסטיטוציע זינט איר גרינדונג.

אין די דרייצן יאָר וואָס ראַוויטש האָט אָנגעפירט מיט דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 225 קורסן און 16 קורצטערמיניקע סעמינאַרן. די קורסן זיינען געווען אויף פאַרשידנאַרטיקע טעמעס און האָבן אַרומגענומען די וויכטיקסטע צווייגן פון אַלגעמיינעם און יידישן וויסן. אָנגעפירט מיט די קורסן האָבן די אָנגעזעענסטע אָרטיקע שרייבער, לעקטאָרן און וויסנשאַפטלער.

די סעמינאַרן זיינען פאָרגעקומען מיט דער באַטייליקונג פון די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפטלעכער וועלט אין ניו־יאָרק.

די סיום־אָוונטן פון יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס זיינען פאָרגעקומען יעדן יאָר ביים אָפּשליסן דעם קולטור־סעזאָן, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולטור־יומטובים, וועלכע האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין שטאָט. יעדן יאָר פלעגן זיי איינגעאָרדנט ווערן אונטערן צייכן פון אַ וויכטיקער דאַטע אין דער יידישער געשיכטע, אָדער פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אַ גרויסער יידישער שעפערישער פּערזענלעכקייט פון די אַלטע נייע צייטן.

די ביבליאָטעק האָט מיט דעם געטאָן אַ פּיאָנערישע אַרבעט אויפן פעלד פון בילדונג פאַר דערוואַקסענע און האָט געלייגט אַ קולטור־חותם אויף דער שטאָט.

די גאַנצע אַרבעט פון פאָלקס־אוניווערסיטעט איז געפירט געוואָרן אין יידיש.

פאַראייניקטער יידישער אַפּיל

במשך פון 36 יאָר, פון איר גרינדונג ביז 1950, איז נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג די פינאַנציעלע פּראָגע. פאַראַלעל מיט

די פראַגעס פון באַרייכערן די ביכער־שאַפעס און אויסברייטערן די קולטור־אַרבעט, איז כסדר געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי שאַפן די פינאַנציעלע מיטלען, וואָס זיינען דערצו נויטיק.

די געטריישאַפט און עקשנות פון דער פאַרוואַלטונג און פריינד פון דער ביבליאָטעק האָבן גובר געווען אַלע שוועריקייטן און מניעות און דערפירט די אינסטיטוציע ביז דעם טאָג ווען זי איז אין 1950 אַנגעשלאָסן געוואָרן אין פאַראייניקטן יידישן אַפיל.

אין יענער צייט איז געוואַקסן די טענדענץ צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון אַ גאַנצער רייע אינסטיטוציעס, צו פאַרבעסערן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון געמיינדע־לעבן. באַזונדערס נויטווענדיק האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אין דער פראַגע פון געלט־זאַמלונגען, וואָס אַ סך אינסטיטוציעס האָבן געפירט אויף איי־גענער האַנט. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק סיי אין די קרייזן פון „קאָמביינד דזשואיש אַפיל״, ווי אויך צווישן די ביבליאָטעק־טוערס, וועגן אַנשליסן אונדזער אינסטיטוציע אַלס באַשטאַנדטייל פון פאַראייניקטן יידישן אַפיל. פון דעם מאָמענט האָט די ביבליאָטעק זיך מתחיב געווען צו נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט פון פאַראייניקטן יידישן אַפיל און צוגלייך מיט די איבעריקע אינ־סטיטוציעס, ווי דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס, צדקה פעדעראַציע, מעבר לים הילף, מדינת ישראל, האיאַס א.אַ.

אויף צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן אַנשלוס, האָבן געאַרבעט די איבער־געגעבענע פריינד פון אונדזער אינסטיטוציע משה מייערסאָן, שלמה ווינקלער, ישראל בערמאַן, שלמה אַבראַמסאָן, יוסף בערמאַן, מיכאל לאָוטער און פון די אַפיל־קרייזן — מייקל גאַרבער, קיו.סי., דזשעק קליין, א.בי.אי. ע״ה, פיליפ גאַרפינקל א.אַ.

ספּעציעל דאַרף דאָ אונטערשטראָכן ווערן דער נאָמען פון נחום מייערסאָן, אַ וועטעראַן און לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער פריינד פון דער ביבליאָטעק.

נחום מייערסאָן, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן צענטראַלן אָרט, וואָס די ביבליאָטעק דאַרף פאַרנעמען ביי אונדז אין שטאָט, איז געווען דער פאָטער פון געדאַנק אַנצושליסן אונדזער אינסטיטוציע אין פאַראייניקטן יידישן אַפיל. ער איז עד היום, צוזאַמען מיטן פרעזידענט און דירעקטאָר פון ביבליאָטעק, אַ פאַרשטייער אין פאַראייניקטן אַפיל. די פאַרטרעטער פון ביבליאָטעק געהערן אויך צום דירעקטאָרן־ראַט און זיינען אַקטיוו אין דער אָנפירונג און פאַרטיילונג פון די אַפיל־פאָנדן.

דער נייער בנין

מיטן אויסברייטערן די קולטור־טעטיקייט און באַזונדערס מיטן באַנייען די אַרבעט פון פאָלקס־אוניווערזיטעט, האָט זיך דער בנין פון דער ביבליאָטעק אויף 4099 עספּלאַנייד אַרויסגעוויזן פאַר צו קליין און ניט צוגעפּאַסט.

אין 1943 נעמט די פאַרוואַלטונג אָן אַ באַשלוס צו בויען אַ נייעם, מער צוגעפּאַסטן בנין פאַר דער ביבליאָטעק. פולע 10 יאָר האָט געדויערט ביז דער דאָזיקער באַשלוס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ בוי־קאָמיטעט מיט פריינד ש. ווינקלער, דעמאָלט פאַרהעלטניסמעסיק אַ ניי־געקומענער אין ביבליאָטעק, ווי דער פאָרזיצער.

דער בוי־קאָמיטעט האָט אַנטוויקלט אַן אויסערגעוויינלעכע אַקטיווע און ענער־גישע טעטיקייט. דער איצטיקער פּרעזידענט פון ביבליאָטעק מ. לאָוטער און פריינט נחום מייערסאָן, צוזאַמען מיט די וועטעראַנען און ניי־צוגעצויגענע פריינד פון דער ביבליאָטעק, האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר אָנגעפירט מיטן געלט־קאַמפּיין צו שאַפן די נויטיקע פאָנדן פאַר דעם נייעם בנין. אַדאַנק זייער איבער־געגעבענער, אומדערמידלעכער אַרבעט זיינען די נויטיקע געלט־מיטלען געשאַפן געוואָרן און מען האָט געקאָנט צוטרעטן צו בויען דעם נייעם בנין.

עס איז אונזער חוב צו דערמאָנען די נעמען פון די איבערגעגעבענע, אַקטיווע חברים פון בוי־קאָמיטעט, וואָס זיינען שוין מער נישטאָ מיט אונדז; ש. לאַפּיצקי, משה ברייניך, ש. טעמקין, י. שאַפּראַן און ב. נאַטורמאַן. די ביבליאָטעק וועט אַלע מאָל ערן זייער אָנדענק מיט דאַנקבאַרקייט.

דעם 4־טן אָקטאָבער 1953 איז דער נייער בנין אויף 4499 עספּלאַנייד עוועניו פייערלעך דערעפנט געוואָרן. דער גרויסער עולם, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט ביי דער דערעפנונג, די פילע פריינד פון דער ביבליאָטעק, האָבן מיר פרייד געמאַכט שהחיינו אויפן נייעם בנין. זיי האָבן מיט שטאָלץ און באַוואונדערונג באַקוקט די פּראַכט און רחבות פון דעם אודיטאָריום, לייענזאַל, אַרבעטס־צימערן און די פולע פּאָליצעס מיט ביכער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן.

ביים אַריבערקלייבן זיך אין דער נייער היים האָט די פאַרוואַלטונג פון ביב־ליאָטעק געפונען פאַר איר הייליקן חוב צו באַצייכענען אויף אַ סימבאָלישן אופן די צוויי וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק: דעם אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום און די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. אין פאָיע פון ביבליאָטעק, אויפן צווייטן שטאָק, געפינען זיך: אַ זייל פון דער רואינירטער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע און אַ מאַרמאָר־טאָוול פון הר ציון, צוגעשיקט פון וואַרשע און ירושלים אויף דער ווענדונג און בקשה פון דער ביבליאָטעק.

די צוויי אָביעקטן סימבאָליזירן די צוויי גרויסע אידישע ישובים, וואָס איינער פון זיי איז כמעט אינגאַנצן אומגעקומען, אין ניט גלייכן פאַרמעסט און קאַמף מיט די נאַציס, און דער צווייטער ישוב, וואָס האָט אין קאַמף אויפגעבויט אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה.

צום 40טן יאָר פון איר גרינדונג האָט די פאַרוואַלטונג פון ביבליאָטעק באַ־שלאָסן צו פייערן די דאָזיקע דאַטע מיט אַרויסגעבן אַ יובליי־בוך.

צוליב פאַרשיידענע סיבות האָט די פאַרווירקלעכונג פון באשלוס זיך פאַר־שפּעטיקט, און אין 1957 — פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע איז דעמאָלט געווען דער ענערגישער קולטור־טוער יוסף בערמאַן — איז דערשינען דאָס בוך אונטער דער רעדאַקציע פון דעם דירעקטאָר דוד ראָם און יעקב גראָסמאַן.

אין בוך גייען אַריין הונדערטער באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים — פריינד פון דער ביבליאָטעק.

אין 1954 האָט די אידישע ליטעראַטור און אונדזער אינסטיטוציע געליטן אַ שווערע אבדה: אונדזער בן עיר, דער פּאָעט און גרויסער פריינד פון דער ביבליאָטעק, י. י. סיגאַל, איז פּלוצלונג אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אין עלטער פון 58 יאָר.



דער איצטיקער בנין פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק

כדי ווירדיק צו באַערן דעם אָנדענק פון י. י. סיגאַל איז אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ביבליאָטעק אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ קינסטלעריש אויסגעאַרבעטע שאַפע מיט אַלע ווערק פון פּאָעט, אַ טייל פון זיינע איבערגעבליבענע כתב־ידן און אַ סך ביכער פון יידישע שרייבערס מיט דעדיקאַציעס צו י. י. סיגאַל.

דער רייכער ארכיוו פון י. י. סיגאַל, וועלכן די אלמנה און קינדער האָבן איבערגעגעבן דער ביבליאָטעק, איז סעגרעגירט געוואָרן און געפינט זיך אין אוצר פון אונדזער אינסטיטוציע.

די פאַרגאַנגענע זיבן יאָר — 1957 - 1964

אין משך פון די לעצטע יאָרן גייט אַן די ביבליאָטעק מיט איר נאָרמאַלער אַרבעט. די צאָל ביכער האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט — 12 טויזנט פאַר די לעצטע 7 יאָר.

צוליב דעם חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום, פון יידישן ישוב אין פּוילן, איז די ביכער־פּראָדוקציע אויף יידיש שטאַרק געפאַלן. דערפאַר איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל ערנסטע העברעישע אויסגאַבעס, וואָס דערשיינען אין ישראל, און ווערק פון יידישן אינהאַלט (יודאַיקאַ) אין ענגליש, וואָס ווערן אַרויס־געגעבן אין אַמעריקע. די ביבליאָטעק באַמיט זיך די אַלע ביכער איינצושאַפן און זיי האָבן אין איר ביכער־אוצר.

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן אַריבערגעצויגן אין נייע געגנטן. די ביבליאָטעק קומט נאָך די קולטור־פאָדערונגען פון די יידן אין די נייע געגנטן און עפנט דאָרטן אָפּטיילונגען סיי פאַר ביכער־צירקולאַציע, ווי אויך פאַר אַנדערע טעטיקייטן, וועלכע גייען אַריין אין די ראַמען פון איר אַרבעט. אַזעלכע אָפּטיילונגען האָבן מיר שוין אין קאָוט סט. לוק, סט. לאָראַן און איצט ווערן געמאַכט צוגרייטונגען צו עפענען אַ צווייג אין שאַמעדי.

פון צייט צו צייט אָרדנט איין די ביבליאָטעק אין אירע זאַלן אויסשטע־לונגען פון יידישע מאָלער, היגע און פון אַנדערע לענדער. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל קונסט־בילדער פון יידישע מאָלער, צווישן זיי — בילדער פון יידישע קינסטלער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די נאַציש טויט־לאַגערן.

אין די לעצטע יאָרן פירן מיר אַן צוזאַמען מיט דעם יידישן אימיגראַנטן פאַראיין — דזשאַיאַס — דעם „מאָנטרעאַלער יידישן פאָרום". אַלע וואָך — אַכט חדשים אין יאָר — קומען פאַר לעקציעס, סימפּאָזיומס און דיסקוסיעס איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען פון אַלגעמיינעם און יידישן לעבן אין קאַנאַדע און איבער גאָר דער וועלט. די סימפּאָזיומס און דיסקוסיע־אָוונטן ווערן אַלע מאָל אַלץ פּאָפּולערער און ציען צו אַ סך באַזוכער.

ווי רעפערענטן אויף די פאָרומס ווערן פאַרבעטן די אָנגעזעענסטע יידישע און נישט־יידישע אינטעלעקטועלע כוחות אין שטאָט. די פאָרומס ווערן אָנגעפירט פון פריינד ש. אַבראַמסאָן מצד דער ביבליאָטעק, און פון דירעקטאָר פון האיאַס דר. י. קעידזש.

אַלע וואָך קומען פאַר אין ביבליאָטעק די „מוזיקאַלס"־אָוונטן פון ערנסטער רעקאָרדירטער מוזיק, מיט פאַכמענישע דערקלערונגען. מיט די „מוזיקאַלס" פירט

אַן אונדזער פריינד, קלאַרענס פינק, אַן ענטוזיאַסטישער ליבהאָבער און קענער פון מוזיק. די מוזיקאַלישע אָונטן קומען פאַר וואָד־וועכנטלעך אין משך פון אַ קיילעכדיקן יאָר אין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט.

די מוזיק אָפּטיילונג, וועלכע פאַרמאָגט אַ רייכע זאַמלונג פון רעקאָרדס פון קלאַסישער מוזיק, ווי אויך וויכטיקע ווערק וועגן דער געשיכטע פון מוזיק, ווערט סיסטעמאַטיש באַרייכערט מיט ווערטפולע מוזיקאַלישע שאַפונגען און ווערק.

כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דער קולטור־אַרבעט פון דער ביבליאָטעק, גיבן מיר צוויי קאָנדענסירטע באַריכטן פון קולטור־קאָמיטעט פאַר די יאָרן 1961/62 : 1962/63

באַריכט פאַרן סעזאָן 1961/62

אונטערנעמונגען לכבוד שרייבערס :

1. דר. יוסף קעידזש — צום דערשיינען פון זיין בוך וועגן דער יידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע.
2. יעקב זיפּער — צום דערשיינען פון זיין בוך „צווישן טייכן און וואַסערן״.
3. שלמה וויסמאַן — צום דערשיינען פון בוך לכבוד דעם 35סטן יאָר פון זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. מ. מאַגיד — רעדנער.
4. נ. י. גאָטליב — צום דערשיינען פון זיין בוך לידער „איידער עס ווערט נאַכט״.
5. ראובן ברייניין — 100 יאָר זינט זיין געבורט.

אָוונטן מיט געסט פון ניו יאָרק :

1. מיכאל אַסטור, פּראָפעסאָר פון בראַנדייס אוניווערסיטעט — די מגילות פון ים המלח.
2. יעקב גלאַטשטיין — צום יובל פון זיינע 65 יאָר.
3. אהרן צייטלין — רב נחמן בראַצלאַווער.

אַלע אָוונטן זיינען פאַרגעקומען אין אודיטאָריום. צו יעדן אָוונט איז געקומען אַ גרויסער עולם. די רעדנערס און באַגריסערס זיינען געווען אָרטיקע שרייבערס און קולטור־טוערס.

קלענערע ליטעראַרישע אָוונטן אין קונסט־צימער :

1. משה מאַנדעלמאַן — שמואל ניגער.
2. ישראל עמיאָט — אויטאָ־פּאָרטרעט.
3. ישראל עמיאָט — וועגן די סאָוועטישע אידישע שרייבערס.
4. י. י. טרונק געדענק־אָוונט — חוה ראָזענפאַרב, מלך ראַוויטש און י. גראָסמאַן.
5. י. י. סיגאַלס בוך קינדער־לידער. רעדנער — ש. וויסמאַן.

בילדער־אויסשטעלונגען פון די אָרטיקע קינסטלער :

ש. הייליק, נתן הענדל, מנחם דונסקי, דוד סילווערבערג און רינה זאַמבראַווסקי־בענדער.

דריי קורצטערמיניקע קורסן צו 10 לעקציעס:

1. די געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע. לעקטאָר — י. גראָסמאַן.
2. לעקציעס איבער דער יידישער ליטעראַטור. לעקטאָר — מלך ראַוויטש.

באַריכט פאַרן סעזאָן 1962/63

1. געדענק־אָוונט נאָך ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און הרב י. ל. זלאָטניק (צוזאמען מיטן יידישן שרייבער פאַריין). רעדנער — ש. וויסמאַן און מלך ראַוויטש. פאַרלייענער — ש. כהן.
2. רחל קאָרן — אָוונט צום דערשיינען פון איר בוך לידער „פון יענער זייט ליד". רעדנער — ש. וויסמאַן.
3. יודל מאַרק (ניו יאָרק) — יידישע ווערטער און יידישע ווערטן. (צום דער־שיינען פון דעם ערשטן באַנד פון דעם גרויסן יידישן ווערטערבוך).
4. ה. לייוויק געדענק־אָוונט — צוזאמען מיט 7 געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַ־ציעס פון שטאָט. רעדנער — מ. לאוטער, מ. חסיד און מלך ראַוויטש. רעציטאַציע — קינדער פון די יידישע שולן.
5. מלך ראַוויטש־אָוונט — צום 50טן יאָר פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. רעדנער — י. ראַבינאָוויטש, רחל קאָרן, מ. חסיד.
6. יצחק כּאַרלאַש (ניו יאָרק) — מענדעלע מוכר ספרים. — אַ גרויסע מענדעלע אויסשטעלונג.
1. ישראל עמיאָט — לעקציע וועגן די רעליגיעזע מאָמענטן אין דער יידישער פּאָעזיע.
8. שמואל ראָזשאַנסקי (אַרגענטינע) — וועגן דוד פּינסקי.

אַ מוזיקאַליש־ליטעראַרישער אָוונט מיט דער אַרטיסטין סאָניע ליזאַראַן.

אַן אָוונט לכבוד דר. א. שטילמאַן (צום דערשיינען פון זיין בוך „מאַריעט" אויף ענגליש און פראַנצויזיש).

קורצטערמיניקער קורס:

12 לעקציעס — יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע פון דער נייער צייט (פון רענעסאַנס ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע). לעקטאָר — י. גראָסמאַן.

פאָרומס

דאַטע		רעדנער	טעמע
1962			
אַפּריל	8	מלך ראַוויטש ישראל גאַנשאָר	מאָריס ראָזענפעלד — זיין לעבן און שאַפן
	15	ש. אַבראַמסאָן	דאָס ערשטע יאָר אין דער דייטשער אָקופּאַציע
	22	נ. גאָטליב	באַדייטונג פון פסח
	29	ד. ראָם	די קולטור רעוואָלוציע אין קוויבעק
מאַי	6	רות ראָסקעס־ווייט	יונג־ווילנע
	12	לואיס ראָזענבערג	די קומענדיקע פעדעראַלע וואַלן

דאַטע		רעדנער	טעמע
	20	הרב קרעמער מלך ראַוויטש אירווינג לעיטאַן פ. טרעפּמאַן	פאַרוואָס גייען אונדזערע קינדער פון אונדז אוועק ?
נאָוועמ.	11	פּראָפ. לייטמאַן אַדוו. מ. רובינשטיין מ. ר. הילדער	די וועלט לאַגע
	18	פּראָפ. א. לערמער ל. ראָזענבערג	דער אייראָפּעישער האַנדלס־מאַרק
	25	מ. ראַוויטש	אַ שמועס מיטן עולם — ווער זיינען די וויכטיקסטע יידישע שרייבער היינט צוטאָג ?
דעצעמ.	2	דר. י. קעידזש	1962 אין יידישן לעבן — איינדרוקן פון אַ באַזוך מעבר לים
	9	ש. אַבראַמסאָן	מאָנטאַזש פון ש. ראָזענבלומס רעציטאַציעס ; פליטן מיט קאָמענטאַרן
	15	ח. שפּילבערג דאָראַ וואַסערמאַן	הומאָר אין יידישער ליטעראַטור
	23	ח. שפּילבערג דאָראַ וואַסערמאַן	חנוכה פּראָגראַם
1963			
יאַנואַר	5	נחום ווילטשעסקי	יידישע ראַדיאָ שעהן
פעבר.	3	פּראָפ. י. קוטשינסקי	טעאָדאָר ביקעל
	10	ל. בענדזשאַמין ראָזענבערג אַבראַמסאָן	קעסטל־אָוונט
	17	בענדזשאַמין	קעסטל־אָוונט
	23	מלך ראַוויטש	י. ל. פּרץ — 75 יאָר „מאַניש"
מערץ	.2	פּראָפ. טיילאָר ל. אַרנשטיין	דער קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע
	10	מ. חסיד יעטאַ פעלדמאַן	פּורים־אָוונט
	17	פּראָפ. גיפאַרד פ. קעררינגען ל. עווען מ. קליין	די פּאַרטייען אין די וואַלן
	24	דאָראַ וואַסערמאַן און די טעאַטער גרופּע ביי די יידישע פאָלקס שולן	„דער קעניג און דער שוסטער"

דאַטע		רעדנער	טעמע
אַפּריל	7	פּנחס בליט	„דאָס אידייאישע און העראָאישע אין פּסח"
	21	א. אירליכט א. פייגנבוים ח. שפּיגעל	די נאַצישע רציחות אין פּוילן — גבית עדות פון די געטאָס
מאַי	7	דר. ש. גאָלד	סאָציאַל־מעדיצינישע פּראָבלעמען היינט צוטאָג
	11	נ. י. גאָטליב י. גאָנשאָר א. אירליכט	אברהם רייזען אָוונט
	19	ר. ריבאָ י. פאַלק א. איגעלפעלד איטאַ זימלער	אַרטור זיגעלבוים געדענק־אָוונט פּאַרגעלייענט
דעצעמ.	15	לעאָנאַרד כהן יהודה עלבערג רבי מאָריס האַלפּערן אַדוו. מ. רובינשטיין	סימפּאָזיום — דער קיום פון יידן אין אַמעריקע
	29	לואיס ראָזענבערג	יידישע קינדער און יידישע דערציאונג
1964			
יאַנואַר	5	לעאָנאַרד כהן יהודה עלבערג רבי מאָריס האַלפּערן אַדוו. מ. רובינשטיין	המשך פון סימפּאָזיום וועגן דעם קיום פון יידן אין אַמעריקע
	12	דר. שמואל לעווין	רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט ביי יידן אַמאָל און היינט
	19		פילמען וועגן פראַנצויזישער קונסט
	26	זשעראַר ראַנקור משה מייערסאָן יוסף עין	רעפאָרמען אויפן געביט פון דערציאונג אין קוויבעק („ביל 60")
פעבר.	2	סטענלי יעטניקאָף	וואָס קאָן די יידישע דערציונג דערוואַרטן פון דער קוויבעקער בילדונגס רעפאָרם?
	8		קאַנאַדער קונסט אין פילמען
	16	חיים שפּילבערג	מענטש און טייוול אין אייביקן געראַנגל
	23	דאָראַ וואַסערמאַן און מיטגלידער פון טעאַטער־אַנסאַמבל ביי די יידישע פאָלקס שולן	„דאָס לעבן גייט אָן"

	דאַטע	רעדנער	טעמע
מערץ	1	ראַפאַל ריבאַ	„דער שטעלפאַרטרעטער"
	8	נחום ווילטשעסקי איגאָר קוטשינסקי שמואל לאַפין	די יידישע ראַדיאָ־שעהען
	15	רבי ח. דענבורג גלח מאַרטוססי	די קאַטוילישע אייניקייט באַוועגונג און ווי זי וועט באַווירקן יידן
	22		פילמען וועגן יאַפּאַנישער קונסט
אַפּריל	12	מלך ראַוויטש	צי איז פאַראַן אַ לעבן נאָכן טויט?
	26	ראַפאַל ריבאַ	ווידערשטאַנדן אין די געטאָס
מאַי	3	שלמה כהן לואיס ראָזענבערג ש. אַבראַמסאָן	אוונט פון יידישן פאָלקלאָר
	13	פעלעטיער מאקעי קאַטאָן י. גאַלאַי	די יידן אין דעם נייעם קוויבעק (אין פראַנצויזיש, צוזאַמען מיט דעם פאַר־באַנד פון פראַנצויזיש־רעדנדע יידן).

אַ גרופּע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג מיט ה. לייוויק און זיין פרוי — 1957

פון רעכטס צו לינקס: ש. ווייסמאַן, י. ראַבינאָוויטש (ע"ה), מ. ראַוויטש, מ. לאָוטער, פרוי לייוויק, ה. לייוויק (ע"ה), י. זיפּער און ד. ראַם

א בריוו פון מרדכי ספעקטאָר צו ראובן ברײַנין (פון ביבליאָטעק אַרכיוו)



די אנערקענונג פון אונדזער אינסטיטוציע דורך דער מוניציפאלער און מלוכהשער מאכט

מיטן וואוקס פון אונדזער אינסטיטוציע, מיט איר שטייגנדיקן אנזען אין שטאט, האט זי אויך אין די לעצטע יארן געוואונען די אנערקענונג פון דער מוניציפאלער און מלוכהשער מאכט. די דאזיקע אינסטאנצן האבן אנערקענט, אז אונדזער אינסטיטוציע באדינט די קולטור־נויטן פון א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג, וואס גייט אריין אין די ראמען פון מלוכהשער באדינונג, און פארדינט אויף אזא אופן איר אונטערשטיצונג.

די שטאטישע מאכט אין מאנטרעאל האט שוין פון לאנג אונטערשטיצט די פארשידענע ביבליאטעקן אין שטאט און די לעצטע יארן געפינט זיך צווישן זיי אויך די יידישע פאלקס־ביבליאטעק. יעדן יאר באקומט די ביבליאטעק א סובסידיע, וואס שטעלט מיט זיך פאר א באדייטנדיקן טייל פון איר בודזשעט.

מעיאר זשאן דראפא איז געווען דער ערשטער, וואס האט צוגעטיילט די סובסידיע פאר אונדזער ביבליאטעק, נאך בעת זיין ערשטער קאדענץ אלס מעיאר פון מאנטרעאל.

מיט עטלעכע יאר צוריק, איז צום ערשטן מאל אין דער בריטישער קאמאנוועלט, געשאפן געווארן ביי דער קוויבעקער רעגירונג א קולטור־מיניסטעריום מיט זשארזש עמיל לאפאלם אלס מיניסטער. דאס מיניסטעריום האט גלייך אנערקענט די יידישע קולטור אלס באשטאנד־טייל פון דער אלגעמיינער קולטור ביי אונדז אין לאנד און האט אויף פארשיידענע אופנים דאס באשטעטיקט מיט מעשים. יידישע שרייבער און געלערנטע באקומען סובסידיעס פון דער רעגירונג, זיי זאלן קאנען אנגיין מיט זייער ליטעראַרישער און פארשערישער ארבעט. ביים גרינדן דעם ארטס־קאונסיל ביים קולטור־מיניסטעריום איז דער דירעקטאר פון ביבליאטעק, דוד ראם, באשטימט געווארן אלס פארטרעטער פון דער יידישער קולטור. דאס מיניסטעריום טיילט אויך צו יעדן יאר א באדייטנדיקע סובסידיע פאר דער ביבליאטעק.

מיר זיינען, זעט אויס, פון די געציילטע יידישע אינסטיטוציעס אויף דער וועלט, וועלכע געניסן אין אזא ברייטער מאס די אנערקענונג און אונטערשטיצונג פון דער מוניציפאלער און מלוכהשער מאכט.

שלום-וואָרט

מיר ווענדן אונדזערע בליקן צו דער פאַרגאַנגענהייט, און מיר האָבן דאָס געפיל פון פרייד און שטאָלץ, וואָס אונדזער אינסטיטוציע האָט אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט ווירדיק און געוויסנדיק דערפילט איר אויפגאַב ווי דער צענטער פון דער יידישער קולטור־אַרבעט אין אונדזער שטאָט.

געטרייע יידישע פאָלקס־מענטשן צוזאַמען מיט דער אינטעליגענץ האָבן, ביי שווערע באַדינגונגען, געשאַפן די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, וואָס האָט ביי־געטראָגן איר חלק צו דער דערהויבונג פון דעם גייסטיקן ניוואָ פון דער יידישער געזעלשאַפט.

פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אומשטענדן האָבן ראַדיקאַל געענדערט איר פנים אין די פאַרגאַנגענע 50 יאָר.

עס איז אונדזער הייסער וואונטש און האָפענונג, אַז די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק זאָל אויך אין דער צוקונפט פאַרבלייבן דער צענטער פאַר דער יידישער קולטור אין מאָנטרעאַל.

מעג דער איצטיקער בנין בייטן זיין אויסזען און זיין פּלאַץ; אַפילו ווען דער באַשטאַנד פון זיינע אָנפירערס און טוערס וועט געענדערט ווערן — דאַרף די ביבליאָטעק האָבן פאַר איר הויפּט־אויפגאַבע די ווייטערדיקע צילן:

זאַמלען און אָפּהיטן די קולטור־אוצרות פון דער איצטיקייט און פון דער פאַרגאַנגענהייט;

פאַרשפּרייטן ליכט און יידישן וויסן אין אונדזער דור און אין די דורות וואָס וועלן קומען נאָך אונדז.

א בריוו פון פרץ הירשביין צו ראובן ברייניך

ליבער פריינד!

[illegible]

[illegible]

אייער

פּ. הירשביין.

מיין אדרעס

יידישע שרייבער, וויסנשאַפטלער, אַרטיסטן, מאָלער, מוזיקער, פֿאַרבעטן פֿון דער יידישער ביבליאָטעק במשך פֿון פֿופֿציק יאָר

ווי גאַסט־רעדנער אויף די יערלעכע פֿאַרזאַמלונגען, רעפֿערענטן אויף קולטור־אָוונטן, לעקטאָרן אויף די סעמינאַרן פֿון דעם פֿאָלקס־אוניווערסיטעט, האָבן אָנטיילגענומען, לויטן אלף בית: (די נעמען, וואָס זיינען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל זיינען שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע):

מנשה אונגער
* דר. ב. אייסוראָוויטש
ב. צ. אלמוני (ישראל)
* א. אלמי
פּראָפ. מ. אסטור־טשערניכאָוו
* יוסף אָפּאָטאָשו
* שלום אַש
יעקב באָטאָשאַנסקי (אַרגענטינע)
פּראָפ. סאַלא באַראָן
* ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
דר. שלמה ביקל
* דר. יהושע בלאָך
יצחק בלום
הערץ בערגנער (אויסטראַליע)
פּ. בערניקער
מרדכי בערנשטיין
שיינע מרים בראָדערזאָן
* ראובן ברייניז
יוסף ברייניז
* אבא גאָרדין
* שמריהו גאָרעליק
* ברוך גלאַזמאַן
יעקב גלאַטשטיין
דר. רודאָלף גלאַנץ
אהרן גלאַנץ־לעיעלעס
חיים גראַדע
וולאַדימיר גראָסמאַן
* פּרץ הירשביין
* י. ל. וואַהלמאַן
דר. מאַקס ווײַנרייך
בעריש ווײַנשטיין
רחל ווישניצער
יצחק זינגער־באַשעוויס
* דר. חיים זשיטלאָווסקי
רייזל זשיכלינסקי
* אַלעקסאַנדער חאַשין
אברהם טווערסקי
* יוסף טונקעל (דער טונקעלער)
* י. י. טרונק
* דניאל טשאַרני
י. יאַנאַסאָוויטש (אַרגענטינע)
יצחק כאַרלאַש
* ה. לייוויק
דר. רפאל מאהלער
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
איציק מאַנגער
* מאַני לייב
דר. לאָרענס מאַרוויק (וואַשינגטאָן)
יודל מאַרק
* נ. ב. מינקאָוו
* לייב מלאך
* מנחם באָריישאָ
דר. אברהם מענעס
דר. עזריאל נאָקס
מאַקסאָ נאָרדאָו
נחום יוד
* שמואל ניגער
אברהם סוצקעווער (ישראל)
מאָריס סעמועלס
ישראל עמיאָט

י. פילאָווסקי (טשילע)
* דוד פינסקי
* חיים פעט
יצחק פערלאָוו
לעאָן פיינבערג
* הערש פענסטער
מ. פריד־וויינינגער
* דר. פיליפּ פרידמאַן
פּעסיע זאַלצמאַן־פרענקעל
אהרן צייטלין
* שמערל קאַטשערגינסקי (אַרגענטינע)
דר. מרדכי קאָסאָווער
יהודה קויפמאַן (ישראל)
דר. כאַסיע קופּערמאַן
ברכה קאַפּשטיין
* דר. א. קאַראַלניק
דר. א. א. ראָבאַק
* יונה ראָזענפעלד
* מאָריס ראָזענפעלד (1914)
* ה. ריינבלאַט
ב. צ. ריבקינד
* ב. ריווקין
משה רון (ישראל)
* אברהם רייזען
* דר. יעקב שאַצקי
* דר. חיים שאָשקעס
י. י. שוואַרץ
* חיים שויס
אסתר שומיאַטשער
* יצחק נחמן שטיינבערג
* נח שטיינבערג
אליהו שולמאַן
* שלום עליכם (1915)
ז. שניאורסאָן
ברוך שעפּנער

אַרטיסטן, מוזיקער, מאָלער א.אַ.

בן עמי
אַלעקסאַנדער באַרדיני
יאָסל בערגנער
חיהלע גראָבער
חיים בריסמאַן
הערץ גראָסבאַרד
אברהם וואָלאָווטשיק
יעקב ווייסליץ
לאַזאַר ווײַנער
שלמה כהן
סאָניע ליזאַראָן
נינאַ סיבירצעוואַ
מישאַ עלמאַן
* פּראָפ. ש. ראָזאָווסקי
יעקב ראָטבוים
* מנחם רובין
שמאי ראָזענבלום
* מאָריס שוואַרץ
שיווראַם (אינדישער טענצער)
מאַקס מיקסער
מיכל ראָזענבערג

אָוונטן לכבוד די מאָנטרעאַלער שרייבער

נ. י. גאָטליב
* שיינדל גאַרפינקעל
וולאַדימיר גראָסמאַן
שלמה ווייסמאַן
ב. ג. זאַק
יעקב זיפּער
* הרב יהודה זלאָטניק
אוירווינג לייטאָן
* איידע מאַזע
* ישראל מדרש
פּרץ מיראַנסקי
* י. י. סיגאַל
שמחה סימכאָוויטש
* שמחה פּעטרושקאַ

שבתי פערל
רחל קאָרן
דר. יוסף קעידזש
* ישראל ראַבינאָוויטש
יוסף ראָגעל
מלך ראַוויטש

חוה ראָזענפאַרב
משה שאַפּיר
דר. א. שטילמאַן
שלום שטערן
יחיאל שטערן
* א. ש. שקאָלניקאָוו

דער פרויען פאַריין

דער פרויען פאַריין ביי דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן בסך הכל מיט 11 יאָר צוריק, אָבער צווישן די אַקטיווע חברות פון דעם פאַריין זיינען דאָ עטלעכע, וואָס זיינען געווען די ערשטע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק, ווי אונדזער חברה גיטל גערשאָנאָוויטש.

דער ציל פון פרויען פאַריין איז צו אָרגאַניזירן אַ ברייטן קרייז פון פרויען, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון דער ביבליאָטעק און צו העלפן איר אין אַלע אירע אונטערנעמונגען.

די חברות פון פאַריין קומען זיך צונויף רעגולער אין בנין פון דער ביבליאָטעק אויף פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס ווערן באַטראַכט אָרגאַניזאַציע־פּראָגעס, גאַסט־רעדנער ווערן איינגעלאַדן צו רעפערירן וועגן יידישע און קאַנאַדער קולטור־פּראָבלעמען. צוויי מאָל אין יאָר אָרגאַניזירן זיי ספּעציעלע אונטערנעמונגען לטובת דער ביבליאָטעק.

אין משך פון דער צייט האָבן זיי געשאַפן איבער צען טויזנט דאָלער, און האָבן די סומע מיט פרייד איבערגעגעבן פאַר ספּעציעלע קולטור־פּראָיעקטן פון דער אינסטיטוציע.

אַלס אָנערקענונג פון דער ווערטפולער אַרבעט פון פאַריין האָט די ביבליאָטעק געווידמעט דעם פרויען פאַריין אַ זאַמלונג יידישע מוזיק, וועלכע געפינט זיך אין סטודענטן־צימער פון דער ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק דערמאָנט מיט שטאָלץ, אַז דער פּראָיעקט איז צושטאַנד געקומען לויט דער איניציאַטיוו פון דער דעמאָלסטיקער פאָרזיצערין פון פאַריין, חברה שבע אָרטענבערג, און חבר ישראל ראַבינאָוויטש, מוזיקאָלאָג, רעדאַקטאָר, און פאַר פילע יאָרן אַ פירנדיקע פיגור אין דער געשיכטע פון דער ביבליאָטעק. זיי געפינען זיך שוין ביידע אויף דעם עולם האמת.

די פאָרזיצערין פון פרויען פאַריין איז ח״ה אַניוטאַ גאָלדבערג. ח״ה שייפער איז די סעקרעטאַרין זינט דער פאַריין איז געשאַפן געוואָרן.

אַ גרופּע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג מיט שלום אַש און זיין פרוי, אין יאָר 1942

פון רעכטס צו לינקס זיצן: מ. ראַוויטש, ש. לאַפּיצקי (ע״ה), ל. צוקער, פרוי אַש (ע״ה), שלום אַש (ע״ה), מ. האַרט (ע״ה), י. שטערן. שטייען: רחל אייזענבערג, י. י. סיגאל (ע״ה), י. גראַסמאַן, פּ. ליפּשיץ, י. זיפּער, ש. וויסמאַן, ש. פּעטרושקאַ (ע״ה), מ. בריינין (ע״ה), ל. בענדזשאמין (ע״ה), (אומבאַקאַנט), נ. מייערסאַן, א. מ. קליין, זונדער (ע״ה) ה. טאַלמאַטש, ח. קיילעס.

ש. בעלקין

וועגן די בראשית־יאָרן פון אונדזער ביבליאָטעק

ווען דער רעדאַקציע קאָמיטעט האָט מיך איינגעלאַדן אָנצושרייבן אַ „בלעטל זכרונות, פון דעם בראשית פון אונדזער ביבליאָטעק״, האָט חבר י. גראָסמאַן אויס־געדריקט זיין גלויבן, אַז איך וועל פאַראיינוועגס פאַרריכטן געוויסע טעותן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן ביים איבערגעבן די געשיכטע פון די ערשטע יאָרן פון דער אינסטיטוציע. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג מיט גרויס פאַרגעניגן, ווייל איך דענק, אַז ס׳איז מיין פליכט עפּעס צוצוגעבן צו דעם, וואָס איז געשריבן געוואָרן ביז איצט פון מיר און פון אַנדערע וועגן אונדזערע אָנהויבן און דערגרייכונגען אין דעם אויפבוי פון דער ביבליאָטעק. אַזוי ווי איך דאַרף זיך אַליין באַגרענעצן, וועל איך דאָ פּרואוון אויפקלערן און באַרירן נאָר אייניקע פון די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פון אונדזער גרינדונג און טעטיקייטן. אויב די קומענדיקע קאַפּיטלעך וועלן עפּעס מחדש זיין אָדער עפּעס קלאָר מאַכן, וועל איך פילן, אַז איך האָב עפּעס ביגעטראָגן צו דער פייערונג פון אונדזער גרויסן יום טוב.

די נויטיקייט פון אַ פאָלקס ביבליאָטעק

ווען די געביידע פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף בלורי נעבן אָנטעריאָ אין 1902, האָט עס געזאָלט זיין דער יידישער געמיינדע־צענטער פון מאָנטרעאל. דאָרט איז געווען אַ טאָגשולע פאַר קינדער, אָוונט־קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, צימערן פאַר פאַרזאַמלונגען, אַ גרויסער זאַל פאַר מאַס־מיטינגען און אַ ביבליאָטעק. אָבער די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט ניט געקענט באַפרידיקן דעם געשמאַק און פאַרלאַנגען פון אונדזער יוגנט און אונדזער פאָלקס־אינטעליגענץ.

אויסער דעם האָט יעדע פאַרטיי געוואָלט האָבן אַן אייגענעם פלאַץ פאַר פּראָפּאַגאַנדע, קולטור טעטיקייט און סאָציאַלע צוזאַמענטרעפונגען. די ציוניסטן זיינען געווען די ערשטע צו האָבן אַן אייגענעם לאָקאַל און ביבליאָטעק. די אַלגעמיין סאָציאַליסטישע און סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע קרייז האָבן אויף זיך גענומען דעם שווערן יאָך און נאָכגעפאָלגט זייער ביישפּיל. אַזוי אַרום זיינען אויפגעקומען אַ צאָל „ביבליאָטעקן״ און „לייען־זאַלן״ פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. אַרום 1910 זיינען זיי אַלע צעפאַלן געוואָרן. די איינציקע וועלכע האָבן אָפּגעהיט זייער ביכער פאַרמעגן זיינען געווען די פּועלי ציון. אָבער אויך זיי האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן. אין 1909 האָט זייער ביבליאָטעק זיך געמוזט אַריינקלייבן

אַלס אַ שכנה אין באַראָן דע הירש אינסטיטוט. דאָס איז אגב פאַרגעקומען 5 יאָר נאָך דער שפּאַלטונג פון דעם פאַראיין „דורשי ציון״. ס׳האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז אויב מ׳וויל האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק פאַר יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן קען מען עס דערגרייכן נאָר מיט פאַראייניקטע כוחות.

ס׳זיינען צוגעקומען נאָך צוויי סיבות, וואָס האָבן נאָך מער באַוויזן די נויטיקייט פון אַ פאָלקס ביבליאָטעק. די ערשטע, די קלענערע סיבה איז געווען די ווייטקייט פון דער באַראָן דע הירש ביבליאָטעק, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס דערפירט צו דער מיסיאָנערן מגפה. ווען ס׳איז געקומען די מאַסן איינ־וואַנדערונג נאָך 1904 האָט זיך דער יידישער ישוב אויסגעשפּרייט ניט צו מערב פון בלורי גאַס, נאָר צו צפון פון שערברוק מיט מיין סטריט אַלס די הויפּט גאַס פון אונדזערע יידן, די „דאַונטאַונער״ יידן. די ביבליאָטעק פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט איז שוין געווען כמעט אויסער דעם תחום פונם יידישן געגנט. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן אַ ווייטער מהלך פאַר אַ יידן צו גיין לייענען אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, אָדער צו באָרגן אַ בוך אין יענער ביבליאָטעק.

די מיסיאָנערן האָבן דאָס באַלד פאַרשטאַנען און אויסגענוצט די געלעגנהייט. האָבן זיי געעפנט אַ לייען־זאַל אין דעם צענטער פון דעם יידישן געגנט און האָבן געפּרואווט פאַרנאַרן יידן אין זייער לאָקאַל מיט יידישן לייען־מאַטעריאַל. דאָס האָט זיך זיי טיילווייז איינגעגעבן, ווי מ׳קען עס זען פון אַ בריוו אין רעדאַקציע אונטערגעשריבן פון לואי גאָלדפּאַון. דער שרייבער האָט געפרעגט „וואָרום זאָלן זיי (די יידן) גיין און לעזן אין מיסיאָנערן־זאַל? זאָלן זיי באַזוכן דעם לעזע צימער אין 487 מיין סטריט וואו מען געפינט צו לעזן פריי ביכער און זשורנאַלן אין פאַרשיידענע שפּראַכן („קענעדער אָדלער״, יולי 22, 1908). דער לייענזאַל אין 487 מיין סטריט האָט געהערט צו די סאָציאַל דעמאָקראַטן.

אָבער די סאַמע ווichטיקסטע סיבה, וואָס האָט גורם געווען דעם באַשלוס צו גרינדן אַ פאָלקס־ביבליאָטעק, איז געווען פאָלגנדיקע אַנטוויקלונג: צוליב די שטרענגע תקנות, וואָס מ׳האָט איינגעפירט אין דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט, האָבן יידישע אַרבעטער און פאָלקס אָרגאַניזאַציעס נישט ליב געהאַט דאָרטן אָפּצוהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען. אַרבעטנדיקע יידן האָבן בדרך כלל פיינט געהאַט אָנצוקומען צו פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. חוץ דעם האָבן זיי אויסגעפונען, אַז צווישן די הויפּט־דירעקטאָרן פון דעם באַראָן דע הירש־אינסטיטוט געפינען זיך זייערע אַרבעטסגעבער, קעגן וועמען מ׳האָט געפירט אָדער געגרייט זיך צו פירן סטרייקס... האָבן די טרייד יוניאָנס אויפגעהערט צו אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמ־לונגען אין דעם אינסטיטוט. אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט. אָנהויב 1912 האָבן די פּועלי ציון זיך אויך אַרויסגעקליבן פון דעם אינסטיטוט און ס׳איז געוואָרן נויטיק אַרויסצונעמען פון דאָרטן אויך זייער ביבליאָטעק. איז די גרינדונג פון אַ פאָלקס ביבליאָטעק געוואָרן אַ לאָגישע לעזונג, אָדער לאָגישער אויסוועג. אגב, האָבן די פּועלי ציון זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט דעם געדאַנק פון בויען דערציאונגס און קולטור אינסטיטוציעס, זינט 1910, ווען זייער פּאַרטיי קאָנווענשאַן, וואָס איז פאַרגעקומען אין מאָנטרעאַל, האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן דאָזיקער פראַגע, איז אין אָנהויב 1912 געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט.

אין דעם איבערזיכט „אין גאַנג פון די יאָרן״ (ביבליאָטעק בוך 2, זייט 22) ווערט דערציילט, אַז אין 1912 „איז פאַררופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַרבעטער

אַרגאַניזאַציעס צו עטאַבלירן אַ פאָלקס ביבליאָטעק מיט דער פועלי ציון ביבליאָטעק אַלס יסוד״. דער שרייבער פון דעם איבערזיכט האָט זיכער ניט געוואָלט מינימיזירן די ראָלע פון דעם פועלי ציון פאַראיין אין דער גרינדונג פון דער פאָלקס ביבליאָטעק. אָבער די דערמאָנטע קאָנפערענץ איז ניט פאַררופן געוואָרן פון עפּעס אַן אַנאָנימע אָרגאַניזאַציע. זי איז פאַררופן געוואָרן פון די פועלי ציון. למען האמת מוז מען דעם דאָזיקן פאַקט אַלעמאָל אונטערשטרייכן.

די 1912 קאָנפערענץ איז פאַררופן געוואָרן נאָך איידער ראובן ברייניַן אָדער יהודה קויפמאַן זיינען אַנגעקומען קיין מאָנטרעאָל, און די איניציאַטיווע פאַר דער קאָנפערענץ איז געקומען פון די חברים אַליין. דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן צום קרעדיט פון אַלע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, איינשליסנדיק דעם סאָציאַליסטישן ,,ברענטש״ און ביידע ,,ברענטשעס״ פון דעם אַרבעטער רינג (וועלכע האָבן געהאַט פיל אידעאָלאָגישע קעגנער פון די פועלי ציון), אַז זיי האָבן זיך אָפּגערופן, האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ און האָבן געגעבן זייער הסכמה צו דער גרינדונג פון דער ערשטער פאָלקס ביבליאָטעק.

ווען די פועלי ציון האָבן אַרויסגענומען זייערע ביכער פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט, האָט די ביבליאָטעק פון דעם אינסטיטוט זיי ניט מיטגעגעבן אַפילו קיין איין בוך. ביז דעם סוף 1924 האָט די איקאָ אָנגעהאַלטן אירע סובסידיעס צו דער באַראָן דע הירש ביבליאָטעק און די גאַנצקייט פון דער ביבליאָטעק איז שטענדיק אָנגעהאַלטן געוואָרן. קורץ נאָך דעם ווי די סובסידיע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, האָט די פאַרוואַלטונג פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט באַשלאָסן זייער ביבליאָטעק צו ליקווידירן און איבערגעבן די ביכער צו דער ,,יאַנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן״. די ,,ווײַי״ האָט אויסגעקליבן די ביכער, וואָס זיי האָבן געוואָלט. אַ טייל פון די איבערגעבליבענע ביכער זיינען דאַן אַוועקגעשענקט געוואָרן אין די יידישע קאָלאָניעס אין מערב קאַנאַדע און די איבעריקע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פאָלקס ביבליאָטעק. איך אַליין האָב די דאָזיקע ביכער איבערגעגעבן. פאַר 1925 איז קיין איין בוך פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט נישט אָפּגעגעבן געוואָרן נישט צו די פועלי ציון און נישט צו דער פאָלקס ביבליאָטעק.

ראובן ברייניַן און די ערשטע פאָלקס ביבליאָטעק

סוף מערץ 1912, באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער פאָלקס ביבליאָטעק, אויך אין מאַי פון דעם זעלבן יאָר איז ראובן ברייניַן אויפגעטראָטן ביי ליטעראַרישע אָוונטן פון דער אינסטיטוציע. ער האָט אויך אַפּעלירט אין אַ לייט־אַרטיקל דעם 19־טן מאַי, אַז ,,אונדזער פובליקום״ זאָל זיך גלייך אָפּרופן און שטיצן די ביבליאָטעק. ערשט אין יאַנואַר 1913 איז ברייניַן ווידער פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דער ביבליאָטעק. די סיבה פון דעם לאַנגן איבעררייס איז געווען די קריגעריי צווישן ראובן ברייניַן און לעאָן חאַזאַנאָוויטש אין דער צייט פון דעם גענעראַל סטרייק פון די מענער שניידער. ,,די פאָלקסצייטונג״ (רעדאַקטירט פון לעאָן חאַזאַנאָוויטש) האָט גענוצט די שאַרפסטע זשורנאַליסטישע אַמוניציע אין אַנגריף אויף די באַלעבאַטים און אין פאַרטיידיקונג פון די אַרבעטער, די סטרייקערס. איז ברייניַן אַרויסגעקומען מיט אַ לייט אַרטיקל אין ,,קענעדער אדלער״, אין וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז זיין פולע סימפּאַטיע איז טאַקע מיט די סטרייקערס, אָבער

נישט מיט דעם „אומעסטעטישן" אופן ווי „די פאַלקסצייטונג" פירט זייער קאַמף"
(ישראל ראַבינאָוויטש, „קענעדער אדלער", סעפּטעמבער 25, 1957).

לעאָן חאַזאַנאָוויטש און די סטרייק פירער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען חברים פון פּועלי ציון פאַראיין, זיינען געווען זייער אויפגעבראַכט אויף בריינינען. ס'איז צוליב דעם אויך געקומען אַן אָפּקילונג פון די ביבליאָטעק טוער צו ראובן בריינינען און בריינין האָט זיך צייטווייליק דערווייטערט פון דער אינסטיטוציע. אַזוי ווי אַלע זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון דעם לאַנגן גענעראַל סטרייק, איז די גאַנצע לאַסט פון אויפהאַלטן די פאָלקס ביבליאָטעק געפאַלן אויף די פּועלי ציון. זיי האָבן געפילט זייער ספּעציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער אינסטיטוציע און האָבן זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַ פאָנד פון טויזנט דאָלאַר צו ראַטעווען די ביבליאָטעק. מ'האָט אויך דורכגעפירט אַנדערע אונטערנעמונגען אָבער אַן דערפאָלג.

אָנפאַנג יאַנואַר 1913 האָט די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק גערופן אַ גרעסערע קאָנפערענץ. מ'האָט געלאַדן ניט נאָר אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך פראַטערנאַלע „סאָסייעטיס". צו דער דאָזיקער אויסגעברייטערטער קאָנפע־רענץ האָט מען אויך געלאַדן בריינינען און מ'האָט אַגעהויבן טראַכטן וועגן אַריינציען יחידים אויך פון אַנדערע צווייגן.

די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַזוי אַרום איבערגעבעטן מיט בריינינען. אָבער איינצלנע פירנדיקע חברים ווי שלמה שניאור, א. קאַמאַראָוו, שלמה בער־קאָוויטש און ה. נאָוואַק זיינען געבליבן קאַלט צו אים. שניאור און נאָוואַק, כאָטש אַביסל רעזערווירט, האָבן זיך ווידער עטוואָס דערנעענטערט צו אים. אָבער א. קאַמאַראָוו און שלמה בערקאָוויטש זיינען פאַרבליבן בריינינ'ס קעגנער אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט. דאָ האָט מסתמא אויך געשפּילט אַ ראָלע דער עקסטרעמער יידישיזם פון די דאָזיקע חברים.

די געענדערטע באַציאונג פון דעם פּועלי ציון פאַראיין איז געקומען אַדאַנק דער השפּעה פון יהודה קויפמאַן. קויפמאַן איז געווען נישט נאָר אַ פאַרערער פון בריינינען, נאָר אַן אמתער חסיד זיינער. אַליין אַ גייסטרייכער מענטש, פול מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, אַ בריליאַנטענער רעדנער און לערער, האָט ער פּשוט באַצויבערט זיינע חברים אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן מיט ליבשאַפט אָנגענומען זיין פירערשאַפט. ס'איז פאַר אים ניט געווען שווער צו איבערצייגן זיינע חברים, אַז מ'דאַרף איינלאַדן בריינינען צו ווערן דער פּרעזידענט פון דער פאָלקס ביבליאָ־טעק. דאָס וואָס די פאָלקס־ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין 1914 אַלס אַ נייע אינסטיטוציע אונטער דעם נאָמען „פאָלקס ביבליאָטעק און פאָלקס אוניווערזיטעט" און ניט אַלס די רעאָרגאַניזירטע פאָלקס ביבליאָטעק פון 1912־1913, איז אויך טיילווייז צו פאַרדאַנקען יהודה קויפמאַנען.

די ערשטע פאָלקס ביבליאָטעק האָט עקזיסטירט העכער אַ יאָר מיט אייגענע כוחות. די חברים האָבן שווער געאַרבעט. נישט אַלע וועלכע ווערן דערמאָנט אויף ז. 15 פון דעם ענגלישן טעקסט אין „ביבליאָטעק בוך 1957—1914", זיינען געווען טעטיק אין און אַרום דער ערשטער פאָלקס ביבליאָטעק. אָבער ס'איז באמת פאַרדריסלעך וואָס אין דער רשימה פון „גרינדער און בויער 1953—1914" זז. 36—38 זיינען נישט אַריינגענומען די פּועלי ציוניסטן יעקב פּרוזשאַנסקי, ש. שניאור, א. קאַמאַראָוו, דער סאָציאַליסטישער פירער ל. עלשטיין און דער אַמאָלי־

דער נאָמען נגיד איז בנימינען פֿון דעמאָלט אָן טאָג אויף תּמיד געבליבן. ער האָט געהייסן בנימין דער נגיד און זײַן ווײַב זעלדע די נגידה.
דער טונעיאַדעווקער אומחה איז נאָך דעם טאָג טאָגן צו בלאָזן געוואָרן און האָט אים געגעבן ראַטונג מיט אַלע תּחבולות, וואָס איז נאָר
מעגליך געווען. ער האָט אים געשטעלט באַנקעס אַ פּיאַווקעס, אויך אים גאַנצן אָפּגעגאָסן און געזאָגט פֿאַרן אַוועקגיין, אַז נאָך די
אַלע מיטל וועט ער אַם-ירצה-השם געזונט ווערן און וועט נאָך לאַנגע יאָרן לעבן, אויב ער וועט כּח האָבן, געהן גומל-בענטשן אין בית-מדרש אַרײַן.

ג

ווי בנימין סנאַפּאַניעט זיך מיט סענדעריל דער ווײַבע.

די באַדערע מעשה, וואָס מיט בנימינען האָט זיך געטראָפֿן, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזוי פֿיל יסורים זײַן ווײַב, אַזוי פֿיל לײַטישע רייד אין
דער שטאָט אין באַרג אונטערן אויוון און אויף דער אויבערשטער באַנק האָט אין פֿלוגן, באַכט זיך, בעדאַרפֿט אויף אייביג פֿון אים אַרויסשלאָגן
דעם געדאַנק פֿון זײַן נסיעה חוץ די ווײַטע מקומות. נאָר אַבער אַ טעות. פֿאַרקערט עס האָט נאָך אין אים דעם דאָזיקן געדאַנק ערשט
בעסער אַרײַנגעשלאָגן. ער האָט פֿון דעמאָלט אָן אויף זיך געקוקט מיט דרך־ארץ ווי אויף אַ מענטשן, אַ געלעטן, וואָס איז גענוג אין
זײַן לעבן אויסגעשטאַנען. ער איז בײַ זיך געווען צען מאָל טהייערער פֿאַר זײַן בעהאַרצקייט, פֿאַר זײַן קאַראַקטער, מיט וועלכער ער
איז אויסגעשטאַנען אַזוי פֿיל שווערע פּראָבעס און גיבור געווען אין גאַנצן די טבע זײַנע. ער האָט אָנגעהויבן זיך צוהאַלטן פֿאַר אַ
גבור, פֿאַר אַ חכם, וואָס האָט אַ ידיעה אין די אַלע זיבן חכמות, וועלכע עס געפֿינען זיך נאָר אין דעם „צל עולם", וואָס האָט זיך
אָנגעלערנט ווי אַ פֿוין אין אַזעלכע מין ספרים און וויסט וואָס אויף דער גאַנצער וועלט טהוט זיך. ער האָט אָנגעהויבן אַליין אויף זיך
אַ מבין צו ווערן און זיך אַליין צובעדויערן וואָס ער, אַזאַ מענטש ווי ער, געפֿינט זיך נעביך כּשושנה בין החוחים, ווי אַ רויז צווישן
דערנער, וואו, אין טונעיאַדעווקע, אין אַזאַ העק, צווישן פּראָסטע מענטשן, וואָס פֿאַרשטייען נישט און וויסן נישט פֿון זייער לעבן צו זאָגן!
די לײַטישע רייד און די ווערטלעך, וואָס מען איבער אים געזאָגט, די האָבן אַדרבא אים ערשט געטריבן אין וועג אַרײַן. עס האָט אים
זיך געגלוסט ווי צום גיכסטן אַוועקן פֿון טונעיאַדעווקע. ווי דערלויב איך זיך, פֿלעגט ער אַלץ טראַכטן, זיך אַוועקצולאָזן אַהין ווײַט,
און קומען בשלום צוריק מיט ישועות און נחמות אויף יודען, מיט כּבוד און מיט אַ גוטן נאָמען אין דער וועלט, און דעמאָלט וועט גאַנץ
טונעיאַדעווקע וויסן פֿון קליין ביז גרויס, וואָס איך בנימין בין, וואָס איך בנימין בעטײַט...

בלאָזן האָט לעת־עתּה אָפּגעהאַלטן פֿון דער נסיעה נאָר די דאָזיקע קליינע מניעות: ערשטענס וואו נעמט מען אויף הוצאות? די אים
אַליין האָט קיינמאָל זיך נישט געפֿונען קיין גראָשן אין קעשענע. ער פֿלעגט תּמיד זיצן לײַדיק אין בית־המדרש און זײַן פּרנסה איז געווען די
אשת חיל, די פּרנסה געקומען פֿון אַ נאָס אָפּטייל, וואָס די האָט זיך געמאַכט באַלד נאָכן נאָסט אַראָפּגעהענדיג, און מישעהו געזאָגט,



כתב־יד פון מענדעלע מוכר ספרים (מסעות בנימין השלישי)

קער טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַטאָר ה. באַרסקי. דאָס איז מסתמא נישט מער ווי אַ טעות. לעאָן חאַזאַנאָוויטש ווערט דערמאָנט אין דער יידישער רשימה, אָבער זיין נאָמען פעלט אין דער ענגלישער ווערסיע.

בריינין, קויפמאַן און די גרינדונג פון דער ביבליאָטעק

אין זיין גרויסער באַוואונדערונג פון ראובן בריינין און יהודה קויפמאַן האָט אונדזער חשובער היסטאָריקער ב. ג. זאַק געשריבן, אַז „די איניציאַטיוו פאַר דעם גאַנצן פּלאַן איז געקומען פון אים (ראובן בריינין) צוזאַמען מיט יהודה קויפמאַנען" און, אַז „זיי זיינען געווען די פּאַקטישע גרינדער פון דער ביבליאָטעק, וועלכע האָט די ערשטע יאָרן זיך אויפגעהאַלטן מייסטנס אַדאַנק זייער ענטוזיאַזם" (ביבליאָטעק בוך 1934, ז. 4).

ס'האָט זיך אויך געמאַכט, אַז די פּראָטאָקאָל ביכער פאַר די ערשטע 10־12 יאָר זיינען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. מ'האָט אויך געענדערט דעם נאָמען פון דער אינסטיטוציע, מ'האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו רופן יידישע פאָלקס ביבליאָטעק און די ווערטער „און פאָלקס אוניווערזיטעט" זיינען אויסגעמעקט געוואָרן. בקיצור, מ'האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן אַלע גרינדער פון דער ביבליאָטעק צוזאַמען מיט יהודה קויפמאַנען, דעם פאָטער פון דעם געדאַנק וועגן אַ פאָלקס אוניווערזיטעט. אין געוויסע צייטשריפטן האָט מען געשריבן, אַז ראובן בריינין אַליין איז געווען דער גרינדער, דער איינציקער גרינדער פון דער ביבליאָטעק.

מיט מיין גאַנצן דרך ארץ פאַר ראובן בריינינען און — יבדל לחיים — יהודה קויפמאַנען, בלייבט דער היסטאָרישער פאַקט, אַז אונדזער וואונדערבאַרע פאָלקס ביבליאָטעק איז אַנטשטאַנען פון דער פועלי ציון ביבליאָטעק און איז פאַקטיש געגרינדעט געוואָרן פון די מאַנטרעאַלער פועלי ציון. זיי האָבן געטראָגן די גאַנצע לאַסט פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער ערשטער פאָלקס ביבליאָטעק און זיי האָבן געטראָגן די הויפּט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם קיום פון דער רעאָרגאַניזירטער ביבליאָטעק אין די ערשטע יאָרן, ספּעציעל אין די קריזיס יאָרן פון 1914־1915.

בריינין און קויפמאַן האָבן זיכער אינספּירירט די חברים פון דער פאַר־וואַלטונג אין אַלע זייערע אַקטיוויטעטן. דאָ ליגט זייער גרעסטער פאַרדינסט. אָבער סוף 1914 האָט קיינער שוין ניט געדאַרפט אונדז דערמוטיקן. מיר אַלע זיינען געווען שוין גענוג אָנגערעגט אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט.

דעם 5־טן דעצעמבער, 1914 האָט בריינין און אייניקע פון זיינע מיטאַרבעטער דערקלערט אַ סטרייק קעגן דעם „קענעדער אדלער". ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן סימפּאַטיזירט מיט די סטרייקער. בריינין האָט זיך באַלד אָנגעהויבן גרייטן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג. דער „קענעדער אדלער" האָט דאַן אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און האָט באַקעמפט ראובן בריינינען און אַלץ און אַלעמען וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אים. די יוגנט, וואָס האָט זיך קאָנ־צענטרירט אַרום דער ביבליאָטעק, האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ פּערזענלעכן ענין. מיר האָבן אַלץ געטריי אונטערגענומען און געקעמפט מיט אַ רעוואָלוציאָנערן ברען און מיט גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט. און אויף צו להכעיס דעם אַרויסגעבער פון דעם „קענעדער אדלער" און די „אָפּטאָונער" יאָהודים, האָבן מיר געראַ־טעוועט די ביבליאָטעק.

אין 1953 איז שלמה בערקאָוויטש אַנגעפּרעגט געוואָרן וואָס ער געדענקט וועגן דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק. בערקאָוויטש האָט אין אַ בריוו, געשריבן צו מלך ראַוויטשן, מינימיזירט ברייַנינס ראָלע אין דער רעאָרגאַניזירונג אָדער גרינדונג פון דער פאָלקס ביבליאָטעק. לויט בערקאָוויטשן האָט „ניט ברייַנין נאָר קויפמאַן געהאַט די גרעסטע דעה אין דער שטאָט״. ער האָט אויך געשריבן, אַז „אַן קויפמאַנען וואָלט ברייַנין ניט געוועזן דאָס וואָס ער אַליין גיט אָן וועגן זיך (אגב אין זייַנע מאָנטרעאָלער זכרונות דערמאָנט ער אפילו ניט קויפמאַנען)״ און, אַז קויפמאַן איז געווען דער וואָס האָט „געהאָלפן שטעלן די פאָלקס ביבליאָטעק אויף די פיס״.

בערקאָוויטש האָט זיכער איבערטריבן ווען ער האָט געשריבן, אַז „אַן קויפ־מאַנען וואָלט ברייַנין ניט געווען דאָס וואָס ער גיט אָן וועגן זיך״, ספּעציעל ווען ער האָט געמאַכט צו גאָרנישט ברייַנינס ראָלע אין דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק. קויפמאַנס הילף צו ברייַנינען אין די קריזיס יאָרן פון ברייַנינס לעבן אין מאָנטרעאָל, איז געווען אומגעהויער גרויס, ספּעציעל ביי דער גרינדונג פון פאָלקס פאַרבאַנד אין 1915. ווען ניט קויפמאַן וואָלט ברייַנין אפשר ניט געווען דער פּרעזידענט פון דעם פאָלקס פאַרבאַנד. אָבער אין 1913 און אין דער ערשטער העלפט פון 1914, ווען מ׳האָט פאַרהאַנדלט וועגן דער ביבליאָטעק און ווען מ׳האָט זי דערעפנט אויף סט. אורביין גאַס, איז ברייַנינס פּרעסטיזש געווען גרויס. ער איז נאָך ניט געווען דער פאַרשוויגענער, דער געריודפטער און פאַרשטויסענער. . . זייַן בייטראַג צו דער גרינדונג פון דער אינסטיטוציע איז זיכער נישט געווען קלענער פון זייַן תלמיד און חבר. פונדעסטוועגן האָבן נישט נאָר בערקאָוויטש, נאָר אויך אַנדערע זיך געוואונדערט, ווי קומט עס, וואָס ברייַנין האָט נישט דערמאָנט קויפמאַנען אין זייַנע זכרונות? אין 1932 האָט ברייַנין אויך אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער אַליין האָט געגרינדעט די ביבליאָטעק (ביבליאָטעק בוך, ז. 34). אָבער וואָס האָט ער געטראַכט אין 1915?

ווען מייַן פרוי און איך האָבן באַזוכט מדינת ישראל אין 1958 זייַנען מיר געגאַנגען זען יהודה קויפמאַן. מיר זייַנען געווען איבעראַשט, וואָס קויפמאַן האָט ניט געהאַט קיין שום פאַריבל אויף ברייַנינען. אַפילו דאָס, וואָס ברייַנין איז אַוועק צו דער לינקער באַוועגונג און קויפמאַן האָט זיך צוריקגעקערט צו דער רעליגיעזער וועלט האָט ניט געענדערט זייַן שטעלונג צו ברייַנינען. ער האָט ביי זיך געהאַט פאַרטיק אַן אויסשניט פון „דבר״ מיט אַן אַרטיקל פון ר׳ בנימין צו דעם דריטן יאָרצייט נאָך ברייַנינס פּטירה. דאָרט ווערן ברייַנינס היסטאָרישע פאַרדינסטן געהעריק אָפּגעשאַצט און קויפמאַן איז געווען פולשטענדיק איינשטימיק מיט ר׳ בנימינס מייַנונג.

איך בין נאָך דעם אַוועקגעגאַנגען אין דעם נאַציאָנאַלן אַרכיוו. פּראָפעסאָר בן־ציון דינור האָט מיר דערלויבט אַרייַנקוקן אין ברייַנינס טאָג־ביכער — אַ העברעאישער כתב יד געשריבן אונטער דעם נאָמען „בני דורי״. איך האָב געקענט בלויז דורכקוקן די פאַרצייכענונגען פון יוני־אויגוסט פון יאָר 1915. איך בין דערשטוינט געוואָרן ווען איך האָב דערזען ברייַנינס נאָטיצן פון אויגוסט 27, 1915. דאָרט האָט ער פאַרשריבן „זעקס טעג בין איך געווען פאַרנומען אין דער אַרבעט פון פאָלקס פאַרבאַנד... און איך האָב צונויפגעזאַמלט אַ נאַציאָנאַלע הילפס אַרמיי פון 700 יונגע מענער און פרויען צו העלפן מלחמה קרבנות. איך האָב

גערופֿן אַ גרויסע פֿאָלקס פֿאַרזאַמלונג און איך האָב איינגעאָרדנט די פֿאַרטיילונג פֿון 10 טויזנט פֿאָלקס הילפֿס פֿושקעס... אין דער זעלבער צייט האָב איך צוגעגרייט די יערלעכע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער פֿאָלקס ביבליאָטעק און פֿאָלקס אוניווערזיטעט"... דעם זעלבן טאָן האַלט ער אָן אין די אַנדערע פֿאַרצייכענונגען וועגן פֿאָלקס פֿאַרבאַנד. איז דאָס וואָס ער דערמאָנט ניט קיינעם ניט אין פֿאַרבינדונג מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער מלחמה הילפֿס אַרבעט און אַנדערע אַרבעטן פֿון פֿאָלקס פֿאַרבאַנד וועלן מיר איבערלאָזן פֿאַר אַן אַנדער געלעגנהייט, אָבער וואָס הייסט ער דערמאָנט ניט קויפֿמאַנען?

איך האָב דאָס געקענט דערקלערן מיט דער דעמאָלסדיקער געוואוינהייט פֿון פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן צו באַטראַכטן די אַרבעט פֿון זייערע אַרויסהעלפֿער ווי זייער אייגענע אַרבעט. אין אַמעריקע ווערט דאָס געטאָן נאָר בנוגע באַצאָלטע אַרויסהעלפֿער. אָבער בריינין איז נאָך דאָן נישט געווען פֿריי פֿון די בערלינער איינפֿלוסן. איז קויפֿמאַנס הילף אויך באַטראַכט געוואָרן ווי די הילף פֿון אַ באַצאָלטן מיטאַרבעטער.

פֿונדעסטוועגן האָב איך געפֿונען אַ זייער וואַרעמע נאָטיץ וועגן קויפֿמאַנען. דעם 22־טן יוני, 1915, האָט בריינין פֿאַרשריבן „איך האָב דאָ (אין מאָנטרעאַל) נאָר איין אמתן פֿריינד, יהודה קויפֿמאַן, אַ פֿריינד וואָס איז מיר ליב און וואָס האָט מיך ליב. און ער איז אַפֿילו מסוגל צו נעמען אַנטייל אין מיין צער און צו פֿאַרבלייבן מיר געטריי אַפֿילו ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז איך האָב נישט קיין פּרוטה אין מיין קעשענע. אָבער דער דאָזיקער פֿריינט מיינער איז אַליין אין אַ געדריקטער לאַגע. ווען איך וואָלט אים דערציילט וועגן מיין אמתן צושטאַנד, וואָלט איך אים פֿאַרשאַפֿט פֿיל צער. דערפֿאַר באַהאַלט איך אויס אַפֿילו פֿון דעם דאָזיקן ליבן מענטשן מיינע צרות און דאגות".

ס'איז גוט וואָס איך האָב די געלעגנהייט צו דערמאָנען די דאָזיקע אויפֿריכטיקע פֿריינטלעכע פֿאַרבינדונג צווישן בריינין און קויפֿמאַנען אין די יום טוב טעג פֿון דער ביבליאָטעק, ווייל די פֿריינטשאַפֿט פֿון די צוויי מענטשן איז געווען זייער וויכטיק אין די בראשית יאָרן פֿון דער אינסטיטוציע.

אין די צוואַנציקער יאָרן

איך מאַך איצט אַ שפּרונג צו דעם צייט אָפּשניט פֿון סעפּטעמבער 1925 ביז אַפּריל 1926. ער געהערט ניט צו די בראשית־יאָרן פֿון דער ביבליאָטעק. אָבער דער דאָזיקער קריטישער צייט־אָפּשניט איז געווען דעצידירנדיק אין דער געשיכטע פֿון דער ביבליאָטעק. ער ווערט ווייניק, כמעט אינגאַנצן נישט דערמאָנט, נישט אין ערשטן און נישט אין צווייטן ביבליאָטעק בוך, מסתמא צוליב מאַנגל אין אינפֿאָרמאַציע. אַזוי ווי איך בין געווען דער פּרעזידענט פֿון דער ביבליאָטעק אין יענער צייט און האָב ביי זיך אַ ביסל מאַטעריאַל, וויל איך בקיצור דערמאָנען די הויכפּונקטן פֿון אונדזערע דעמאָלסדיקע טעטיקייטן.

איך בין געצוואונגען געוואָרן פֿון מיינע חברים צו לאָזן זיך דערווײלן אַלס פּרעזידענט ביי דער יערלעכער פֿאַרזאַמלונג אין סעפּטעמבער 1925. נאָך 1920 האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע צרות אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ביבליאָטעק. אַ היפּשע צאָל פֿון די ערשטע ביבליאָטעק־טוער זיינען מיד געוואָרן. די ניי־דערווײלטע

חברים זיינען געווען ניי געקומענע, און האָבן אַריינגעבראַכט די פּראַקציאָנעלע רייסערייען, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים. ס׳זיינען דאָן פאָרגעקומען שפּאַלטונגען אין אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אין פיל פּאָלקס אָרגאַניזאַציעס און דער דאָזיקער אומגליק האָט ניט אויסגעמיטן די ביבליאָטעק... ס׳איז געווען אַ געפאַר, אַז די לינקע זאָלן פאַרכאַפּן די פּאָלקס ביבליאָטעק, ווייל זיי האָבן זיך גוט צוגעגרייט צו ברענגען זייערע חברים אין גרויסע מאַסן צו דער יערלעכער פאַרזאַמלונג. ווען דאָס וואָלט זיך זיי איינגעגעבן, וואָלט עס געפירט צו אַ שפּאַלטונג און צו דעם אונטערגאַנג פון דער ביבליאָטעק. פאַרוואָס איך האָב געדאַרפט זיין דער קרבן און זיין געצוואונגען צו אויסשטיין אַלע צאַנקערייען און פּאָליטישע מאַנעווורעס אין לויף פון לאַנגע חדשים, ווייס איך ניט. אָבער איך האָב זיך אונטערגעגעבן און געלאָזט פון זיך מאַכן אַ פּרעזידענט.

איך האָב געשטרעבט צו דערגרייכן צוויי הויפּט צילן אין מיין נייעם אַמט: 1) איבערצייגן די לינק געשטימטע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, אַז ס׳וועט זיי סיי ווי סיי ניט געלינגען צו איבערנעמען די ביבליאָטעק, וועלכע מוז און וועט פאַרבלייבן אַן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע, 2) באַווירקן די דאָזיקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג אויפצוהערן פירן פּאָליטיק און העלפן שאַפן מיטלען צו דעקן דעם דעפיציט און די לויפנדיקע אויסגאַבן. די ערשטע אויפגאַבע האָב איך דערגרייכט. אונדזער אַנטשלאָסנקייט איז פאַרשטאַנען געוואָרן, די לינקע איינפלוסן זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און זיי האָבן מער ניט געדראָט דעם קיום פון דער ביבליאָטעק.

ס׳איז אָבער נישט געלונגען צו אַקטיוויזירן אַלע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג אין אַ געהעריקער מאָס. אַפילו מיינע חברים וואָס האָבן צוגעזאָגט מיטצואַרבעטן און העלפן טראָגן דעם פינאַנציעלן יאָך האָבן, מיט קליינע אויסנאַמען, ניט געהאַלטן וואָרט. אַלע אונטערנעמונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין משך פון דער צייט זיינען דורכגעפאַלן. די לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. האָבן מיר דאַן באַשלאָסן, אַז דער איינציקער וועג אויפצורודערן די שטאָט און ספּעציעל די מיטגלידערשאַפט, איז צו פאַרמאַכן צייטווייליק די ביבליאָטעק, ווי מ׳האָט עס געטאָן אין 1918. צו מאַכן די זאַך נאָך שטאַרקער האָב איך און דער קאַסירער, חבר מ. האַלפּערן רעזיגנירט. יאָ, מיר האָבן אַרויסגעשיקט צו אַלע מיטגלידער אַ מעלדונג אין אַ שוואַרצן רעמל, אַז די ביבליאָטעק איז פאַרמאַכט... אונדזער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. די עפנטלעכע מיינונג איז געוואָרן אויפגערודערט און די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן אַרויסקומען פון דעם גרויסן קריזיס. דאָס האָט אויך געפירט צו דעם גרעסטן געווינס פון דער ביבליאָטעק — נחום מייערסאָן האָט אויפגעהערט צו זיין אַ נחבא אל הכלים און ישראל ראַבינאָוויטש איז אַריין אין דער אַרבעט.

זייער אַנפירערשאַפט, זייערע אויפטואונגען זיינען אפשר גרעסער פון אַלע ראשונים. אָבער דאָס געהערט שוין ניט צו אונדזער טעמע.

נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן האָבן מיר אין לויף פון דעם צייט אָפּשניט 1925־1926 נישט אָפּגעשטעלט אונדזער קולטורעלע אַרבעט. ס׳וועט אפשר נישט זיין באַשיידן ווען איך וועל זאָגן, אַז די טעטיקייט, וועלכע מיר האָבן אַנטוויקלט האָט אין געוויסע פּרטים איבערגעשטיגן וואָס ס׳איז געטאָן געוואָרן אין אייניקע פריערדיקע יאָרן. מיר האָבן צום אַלעם ערשטן איבערגעבויט

דעם לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק צו מאַכן עס פּאַסיק צו קענען דורכפירן לעקציעס. מיר האָבן אויפגעלעבט די ,,פּרייטיק צונאַכטסן" און האָבן געהאַט ביי אייניקע לעקציעס נאָענט צו 150 צוהערער. לעקציעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון ישראל ראַבינאָוויטש, ש. דונסקי, מ. מ. פאַגעל, מ. ה. מייערסאָן, ה. טאַלמאַטש, עלקע בעלקין, מרס. קאַצמאַן, יעקב זיפּער און נתן רייך (איצט פּראָפעסאָר). מיר האָבן אויך דורכגעפירט אַן עפנטלעכע לעקציע מיט מאַקסאַ נאַרדאַו אין ווינדזאָר האָטעל און געבראַכט די ביבליאָטעק צום ערשטן מאָל אויך צו אַ גרויסן ענגליש ריידנדיקן עולם. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן דרוקן אַ חודשלעכן בולעטין ,,די ביכער וועלט", פון וועלכן ס'זיינען אַרויסגעגאַנגען דריי נומערן. ווען דער פּלאַץ פון ביבליאָטעקאַרין איז פריי געוואָרן, האָבן מיר דערוויילט רחל אייזענבערג פאַר דעם אַמט. אירע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער ביבליאָטעק האָבן באַוויזן, אַז אונדזער אויסוואַל איז געווען אַ געלונגענער.

* * *

קומענדיק צוריק צו די ערשטע גרינדונגס יאָרן מוז איך צוגעבן, אַז אונדזערע השגות זיינען טאַקע געווען קליין, אָבער די מעגלעכקייטן זיינען געווען נאָך קלענער. זאָל מען אויך געדענקען, אַז קיין אַנדער אימיגראַנטן גרופּע האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט אונדז. ווער נאָך האָט אויף זיך גענומען אַזוי פיל פליכטן, ווער נאָך האָט דורכגעפירט אַזוי פיל אויפגאַבן?

די ספּעציעלע אומשטענדן פון דעם קאַנאַדער לעבן, דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם לאַנד, דער יידישער באַוואוסטזיין מיט וועלכן אונדזער יוגנט איז אַהער געקומען, די אידייען און אידעאַלן פון אַלע אונדזערע פּאַרטייען און באַוועגונגען — דאָס אַלץ האָט געהאָלפן אין אונדזערע שטרעבונגען אויפצושטעלן אונדזערע קולטור אינסטיטוציעס אין דעם קאַנאַדער יידישן ישוב — מיט דער מאָנטרעאַלער פאָלקס ביבליאָטעק אַלס דעם געלונגענעם אָנהויב.

מיר זיינען באמת געווען פּריווילעגירט צו האָבן מיט אונדז ראובן ברייניגען און יהודה קויפמאַנען. אין די טעג ווען מיר צייכענען אָפּ דעם יובל פון אונדזער באַליבטער אינסטיטוציע, צו וועלכער ס'איז ניטאָ קיין גלייכן אין די יידישע צעשפּרייטקייטן, דערמאָנען מיר זייער אָנפירערשאַפט און איבערגעגעבענע אַרבעט מיט טיפן דאַנק.

פאַר אונדז, די ראשונים, האָבן זיי פיל געמיינט: זיי האָבן אונדז געהאָלפן, אין די שווערע יאָרן פון ליידן און זאָרגן פאַר אונדזער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, אין אַ פרעמדן לאַנד, צו אויפהויבן זיך איבער דער טאָג־טעגלעכער וואָכעדיקייט. ס'איז געווען אַלעמאָל אַן אינטעלעקטועלער פאַרגעניגן און אַ גייסטיקע איבערלעבונג צו טרעפן זיך מיט ברייניגען אָדער קויפמאַנען און צו אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען פאַר דער פאָלקס־ביבליאָטעק, פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון קאַנאַדער יידישן לעבן און פאַר די אייביקע אידעאַלן פון אונדזער פאָלק.

פרעזידענטן פון דער יידישער פאלקס ביבליאטעק 1914—1964

Presidents of the Jewish Public Library 1914-1964

נחום מייערסאָן

N. Meyerson



ראובן בריינין

R. Brainin

מיכאל לאַוטער

M. Lauter

ש. טעמקין

S. Temkin

פרעזידענטן פון דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק 1964—1914

Presidents of the Jewish Public Library 1914-1964



ישראל ראַבינאָוויטש

I. Rabinovitch

יוסף בערמאַן

J. Berman

לייב צוקער

L. Zuker



ה. מ. קייזערמאַן

H. M. Caiserman

פרעזידענטן פון דער יידישער פאלקס ביבליאטעק 1914—1964

Presidents of the Jewish Public Library 1914-1964



משה ברײנין

M. Brainin

ש. בעלקין

S. Belkin

ס. ווינקלער

S. Winkler

מלד ראַוויטש

וועלט — וואָרט — בוך — ביבליאָטעק...

דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאל צום יובל

דאַס גאַנצע לעבן מיינס — דאַס גאַנצע, לאַנגע לעבן מיינס — כמעט פון דער קינדהייט אָן — לייען איך ביכער, זאַמל איך ביכער, שרייב איך ביכער. ביכער, ביכער, ביכער, ביכער — — און איך בין נאָך אַלץ נישט זאַט מיט ביכער. נישט מיט לייענען, נישט מיט זאַמלען און אויך נישט מיט שרייבן זיי.

אַלע אַפעקטן און ליידנשאַפטן זענען עלול צו מינערן אויף דער עלטער, קילער צו ווערן. דער ביכער־אַפעקט אָבער שטאַרקט זיך מיט דער עלטער. יעדנפאַלס אין דער נשמה פון דעם שרייבער פון אָט אָ די שורות.

* * *

אין אַלע שטעט און לענדער וואו איך האָב געוואוינט — טאַקע שיר נישט פון דער קינדהייט אָן — האָב איך צוליב אַלערליי סיבות איבערגעלאָזן, ביים פאַרלאָזן זיי — קלענערע אָדער גרעסערע אייגענע ביבליאָטעקן. און זיי זענען צוליב אַלערליי סיבות נעלם געוואָרן פון מיר און איך האָב זיי שוין קיינמאָל מער נישט צוריק באַקומען. און צו יעדער פון אָט די ביבליאָטעקן מיינע איז אין מיר געבליבן אַ בענקשאַפט — אַזוי ווי נאָך לעבעדיקע מענטשלעכע פריינד — איבערגעלאָזענע און שוין קיינמאָל מער אין לעבן נישט געזעענע.

נישט אַלע — ווייל דאַס וואָלט געווען מענטשן־אוממעגלעך, ווייל צייט גייט נאָר אין איין ריכטונג, אַלעמאָל נאָר אַהין, אַהין, קיינמאָל מער נישט צוריק — יאָ, נישט אַלע מיינע ביכער האָב איך געלייענט און איבערגעלייענט. אָבער די, וואָס איך האָב געלייענט — און עס איז די גרעסערע העלפט פון אַלע אַנגעזאַמלטע ביכער — האָבן סימנים אין שריפט, אַז איך און מיינע אויגן און אָפטמאָל מיין האַרץ זענען דאָרט געווען. איך האָב אַ גוטע טבע, אפשר מיין בעסטע פון די שלעכטע טבע'ס, צו שרייבן אויף די ראַנדן פון ביכער, אַזוי פון מיין קינדהייט אָן.

זינט מיין ערשטע קליינע ביבליאָטעק פון אַרום זעקסהונדערט ביכער איז נעלם געוואָרן אין מיין געבוירן־שטעטל אין דעם ערשטן יאָר פון ערשטן וועלט־קריג, חלום איך מיך ווען עס איז ווידער צו פאַראייניקן מיט מיינע פאַרפאַלענע ביבליאָטעקן. און וואָס עלטער איך ווער — ווערט דער חלום אַפעקטירטער און ליידנשאַפטלעכער, ווייל אַלע מאָל מער האָפנונגסלאָז.

איך האָב צוליב אַלערליי סיבות איבערגעלאָזן ביבליאָטעקן אין רעדים, אין לעמבערג, אין ווין, אין וואַרשע, אין מעלבאָרן, אין תל־אביב. וואָלט מיין חלום

זיך ערגעץ־וואו, ערגעץ־ווען געקענט פאַרוואַנדלען אין רעאַליטעט — וואָלט אַט די צענטראַלע לעבנס־ביבליאָטעק מיינע געציילט זיכער אַרום פופצן טויזנט בענד.

אָבער דאָס וועט שוין קיינמאָל נישט געשען. אַפילו טיילווייז נישט. אַפילו די ביכער, וואָס זענען דאָ מיט מיר בשעת איך שרייב די ווערטער — קען איך אַלע צוזאַמען נישט זען, ווייל די מייסטע פון זיי ליגן זויבער פאַרפּאַקט, צוליב מאַנגל אין פּאַליצעס — אין קעלער.

* * *

די וועלט באַשטייט פון פאָרמען און אינהאַלטן. אויסשפרייט און געדאַנק־לעכקייט — רופט עס ספינאָזאַ. די צוויי דערקענטע אַטריבוטן פון דער סובסטאַנץ. פאָרם אָן אינהאַלט — לעבט נישט. אָבער אינהאַלט אָן פאָרם עקזיסטירט נישט. ובכן — לויט דער לאָגיק פון דער פאָרמולירונג — שטייט פאָרם איבער דעם אינהאַלט.

וואָרט איז פאָרם פון געדאַנק.

אָבער וואָרט איז אויך אינהאַלט —

אינהאַלט פון בוך. אינהאַלט פון אַלע ביכער.

וואָרט איז די פאַרבינדונג צווישן מענטש און קאָסמאָס.

דער חומש לערנט, אַז וואָרט איז אויך די פאַרבינדונג צווישן גאָט און קאָסמאָס. מיט ווערטער האָט ער די וועלט באַשאַפן.

און די געשיכטע פון דער וועלט־באַשאַפונג דורך וואָרט באַפוילן אַריינ־צושרייבן אין אַ בוך.

אין דעם בוך פון די ביכער, דעם ספר הספרים.

* * *

מסתמא איז דאָ דאָס באַוואוסטזיין פון דעם אינהאַלט פון די שורות מיט ווערטער וועגן ביכער — וואָס זענען דאָ אויבן געזאָגט געוואָרן — טיף, טיף אין מיר — און דאָס איז די סיבה פון מיין אומהיילבאַרן אַפעקט צו ביכער. צו ביכער בכלל און יידישע בפרט.

* * *

וואויל זענען ווערטער שוין לאַנג אויף דער וועלט געוועזן — איידער די שריפט איז געבוירן געוואָרן. וואויל איז די שריפט שוין לאַנג אויף דער וועלט געוועזן — איידער דאָס בוך איז געבוירן געוואָרן.

דאָס בוך האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם עלעמענט אין קאָסמאָס, אַ נייעם עלעמענט אין דער קאָסמישער צייט.

ביז דעם בוך איז די וועלט געגאַנגען אין איין ריכטונג פאָראויס און פאָראויס. אַזוי אויך די צייט.

מיט דער באַשאַפונג פון בוך האָט דער קאָסמאָס איצט באַקומען אַ נייעם עלעמענטאַרן כוח — דער אויגנבליק האָט באַקומען דעם כוח שטיין צו בלייבן. און נישט נאָר דאָס, נאָר אויך צו גיין צוריק — און די צייט דעם כוח אי צו גיין פאָראויס און אי צו גיין צוריק.

* * *

אָן ביכער בין איך בלויז אַ באַשעפעניש.

מיט ביכער בין איך אַ מענטש.

אָבער צי זענען ביכער אויך מענטשן מיט אמתן לעבן אין זיך?

אַז איבערלעבונג איז ווי אַ דאָרן געבליבן שטעקן אין דער נשמה פון איינעם, וואָס האָט אַן עלעמענטאַרן אַפעקט פאַר ביכער — אין מיין נשמה: אַז די דיכטערין איידע מאַזע ז״ל איז געוואָרן אַן אלמנה, בין איך געקומען זי מנחם אבל זיין. זי איז געזעסן אויפן בעט מיט די פיס אונטער זיך, מיט די הענט באלכסון און גערעדט צו די אַריינגעקומענע, צו זיך אַליין און צו די ווענט מיט ביכער אַרום אין דער שטוב — „ביז היינט האָב איך געמיינט, אַז ביכער זענען לעבעדיקע מענטשן, פריינד, טרייסטערס — היינט קוק איך אויף זיי ווי אויף טויטע פּאַפּיר־הויפנס — — פּאַפּיר, טויט פּאַפּיר״.

אָבער איין וואָך שפּעטער האָב איך געזען איידע מאַזע פאַרטיפט אין אַ לידער־בוך, ווי אין אַן אינטימען טרייסטנדיקן שמועס מיט אַ געטרייען פריינד.

און פאַרט האָב איך נישט פאַרגעסן דאָס ביטערע וואָרט: פּאַפּיר — טויט פּאַפּיר.

* * *

דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן מיינס — כמעט פון דער קינדהייט אָן — לייען איך, זאַמל איך, שרייב איך — ביכער. ביכער, ביכער, ביכער און בין נאָך אַלץ נישט זאַט מיט זיי.

די אָנגעזאַמלטע ביכער פאַרוואַנדל איך אין קליינע און גרעסערע ביבליאָטעקן — און גאָט טוט שוין אַזוי, אַז זיי קומען אָפּ פון מיר. און עס בלייבט אַ בענקשאַפט נאָך זיי.

און ערגעץ־וואו, אויף דעם פעלד פון אָט דער בענקשאַפט, פאַראייניקן זיי זיך ווידער און ווערן אַ גאַנצקייט, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט געווען און וועלן מסתמא קיינמאָל נישט זיין מער.

רעדים — די ביבליאָטעק פון מיין קינדהייט —

סטאַניסלע — פון מיין פריער יוגנט —

לעמבערג — פון מיין יוגנט —

ווין — אַ גאַנצע וואַנט מיט ביכער — אַ גרויסע זאַמלונג ספּינאָזיאַנאַ —

וואַרשע — ביכער געזאַמלט אין פאַרלויף פון פערצן יאָר פון אינטענסיווסטן און אַקטיווסטן ליטעראַרישן לעבן —

יאָרן פון וואַנדערונגען — אין כמעט יעדער שטאָט אַ ביכער־זאַמלונג געלאָזן און געהאָפט זיי וועט עס איז צו באַקומען —

אויסטראַליע — אַ זאַמלונג פון אַן ערך טויזנט ביכער־טיטלען —

ניו־יאָרק — בוענאָס איירעס —

מאָנטרעאל — אַ זאַמלונג פון צוויי יאָר־דעקאַדן — די מייסטע זענען מיט מיר — די מייסטע פאַרפאַקט אין גרויסער אָרדנונג אין קעסטלעך אין אַ קעלער —

תל אביב — אַרום אַ טויזנט ביכער — ליגן אונטער דער השגחה פון מיין זון זויבער פאַרפאַקט —

אפשר נאָך ערגעץ־וואו אָבער איך געדענק נישט מער.

דאָס וואָס איך געדענק טוט גענוג וויי.

* * *

אין אָנהויב איז געווען דאָס אות —

דאָס אות איז אַ בריק צווישן קלאַנג און וואָרט.

פון ווערטער ווערט אַ בוך —

אַ בוך איז אַ בריק צווישן גאָט און קאָסמאָס —
פון ביכער ווערט אַ ביבליאָטעק —
פון מענטשן ווערט אַ מענטשהייט —
פון ביכער — אַ בוכהייט —
דער מענטש, די מענטשהייט קען די צייט נישט איינהאַלטן —
דאָס בוך, די בוכהייט קען איינהאַלטן די צייט.

אין ביבליאָטעקן איבער פינף קאָנטינענטן האָב איך שטיקער פון מיין לעבן געלאָזן — שטיקער פון מיין חלום געלאָזן, אַז דער מענטש זאָל קענען הערשן איבער זיין נשמה און האָבן גוטן ווילן, גוטן ווילן —

אָבער דאָס וועט אפשר קיינמאָל נישט געשען, אַזוי ווי עס וועט קיינמאָל נישט געשען, אַז איך זאָל צוזאַמענעמען אַלע מיינע ביבליאָטעקן אין איין אָרט — אַלע מיינע ביבליאָטעקן פון אַלע טיילן וועלט — וויפל ביכער? פינף, צען און אפשר די גאַנצע פופצן טויזנט —

רחל ה. קאָרן

די ווערטער פון מיין אלף-בית

אַט קומען זיי צו מיר, די ווערטער פון מיין אלף־בית —
זיי שמעקן שוין ניט מער מיט ווילד־מאַן און באַרווינעק,
מיט ווייצן צייטיקע, מיט פרישן היי און קלעע,
אויף זיי איז אויסגעברענט א נומער פון טרעבלינקע,
עס טראָגט פון זיי מיט רויך פון בעלזשעץ און מאַידאַנעק.

זיי זענען ווי די שבעה־זיצער נאָך אַ לעצטן זיפץ
און די פאַרוויגער פון אַ ניט־דערזאָגטער ווידוי ;
זיי זענען די שליחים פון דעם מלכות געטאָ
אַנטרונענע פון בלוט־באָד און בגידה.

אין ווענט פון שולן חרובע זיי שרייבן מיך אַריין
דורך לעצטער תפילה, דורך ניט דערהערט געוויין,
קריצן מיך איין ביי דעם צוקאָפּנס פון דער צייט,
ווי אַ מצבה פאַר מיין פאָלקס געביין.

און ווען איז דאָס געווען, מיט וויפל יאָר צוריק ?
אונטער דעם ברייטן קאַרשנבוים באַדעקט מיט ווייסן צוויט
אַ באַנק, אַ הילצערנע, אַ טיש, אַ סידור אויפגעמאַכט
מיט פינטעלעך און שטרעכעלעך, ווי ס׳וואָלט אַ נייע בריק
געפירט מיך צו די אַלטע ברעגעס פון תנ״ך.

און ווי ס׳וואָלט מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן דער ריח
פון דעם מיט מילך און האָניק פליסנדיקן לאַנד,
האָבן זיך דריי שותּפטעס — אַן אָסע, פליג און בין
צוגעזעצט און איינגעזויגן אין דעם ספרס ראַנד.

ס׳איז שטיל געווען אַרום מיר, געזשומעט האָבן בלויז
די אסע און די בין, ווען מיט זיין שמאַלער ווירע
האָט שמואל, מיין מלמד, אַיעדעס אות באַזונדער
אָפּגעטיילט און אָפּגעקייטלט פון דער לאַנגער שורה.

ס׳האָט גלייך מיט מיר אריינגעקוקט אין סידור בלאָער הימל
דורך דעם קאַרשנבוימס ווייסן, שמעקנדיקן סכך,
און אַ וואונק, אַ טאַטישן געגעבן מיט׳ן אויג
צו דער מחנה טויבן אויף דעם ברוינעם דאַך.

האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אַלע, איינס ביי איינס,
איבער מיר געקרייזט, געדרייט זיך אין אַן עיגול,
פלעכטנדיק אין לופט ארום מיין יונגן קאָפּ
אַ קראַנץ פון ווייסע, פלאַטערדיקע פליגל —

גלייך ס'וואָלט אַ יעדעס טונקלע וואָרט באַזונדער
געוועזן אַ קערנדל פון גאָט אַליין פאַרזייט
אויף דעם האַלב־פאַרגעלטן, אַלטן סידור־בלאַט,
פאַר זייערע ברייטע, זשעדנע שנאָבלען צוגעגרייט.

...ס'איז שטיל איצט ארום מיר, מיט שטילקייט פון פאַרנאַכט,
עס שאַרכט בלויז אויף אונטער מיין האַנט דאָס ווייסע בלאַט פּאַפּיר,
וואָס וויל ווערן אַ היים פאַר אותיות נע־ונדע.
פאַר האַלב־פאַרגעס'נע טרוימען און — פאַר מיר.

פאַרשעם נישט מיין וואָרט

פאַרשעם נישט מיין וואָרט, וואָס רייסט זיך צו דיר,
ווי דו הייסט נישט פאַרשעמען אַן אָרעמאַנס האַנט,
ס'זאָל נישט ווערן פאַרשפּעט, ס'זאָל נישט ווערן פאַרטריקנט,
ווי אַ ריטשקע אינמיטן פון שטיינער און זאַמד.

דערלאָז נישט ס'זאָל מוזן גיין אַפּריכטן גלות
מיין ליד אין געבאַרגטן, געלאַטעטן העמד
צווישן אייגענע, נאָענטע און קלאָגן ווי שלמה:
— דריי מאָל ווי, אויך מיין נאָענטסטער האָט מיך נישט דערקענט.

האָסט ביי מיר אַלץ גענומען און פאַרביטן, פאַראיובט
יעדעס יאָר, יעדן טאָג, יעדע שעה פון מיין זיין,
ווי אַ משכון פאַרזעצט מיך אויף נישט אויפצומאָנען
ביי דעם שטויב און דעם אַש פון פאַרברענטן געביין.

האָסט מיין קינדהייט פאַרפרעמדט מיר דורך פלאַמען און רויך,
די דערמאָנונג זיצט שבעה נאָך פאַרשניטענע יאָרן —
נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס ליד איז מיר אייגן,
און ס'איז ווי אַ חתימה, ווי אַ גילדענע חתימה,
אויף דיין גרויסן און הערלעכן שווייגן.

באַגריסונגען צום יובל פון דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק

אין די באַדינגונגען פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין די באַדינגונגען פון אונדזערע קולטור־טעטיקייטן איז עס בלי־ספק אַ גבורה, ווען אַ יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק דערלעבט צו יום־טובן פופציק יאָר פון איר קיום. אָבער אין אייער פאַל איז עס גבורה אין קוואַדראַט. איר האָט דורכגעמאַכט ניט סתם פופציק יאָר לעבן, נאָר פופציק יאָר אַנטוויקלונג און פאַנאַנדערוויקלונג פון קולטור־טעטיקייטן. איר זייט אויף קיין איין שטאַפּל ניט געבליבן שטיין, נאָר כסדר געגאַנגען פאָרויס. איר האָט זיך צעשפּרייט און זיך אַן אויפהער פאַרטיפט. איר זייט שוין לאַנגע יאָרן געוואָרן די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, מיט אַ ה׳ הידיעה פאַר אייער נאָמען. איר זייט ניט בלויז אַ בכבודיקע אינסטיטוציע, איר זייט געוואָרן אַ פעסטונג, געמויערט פון ספרים. און איר זייט ניט בלויז אַ פעסטונג — איר זייט אַ לעבעדיקער, שפּרודלדיקער קוואַל פון מיים־חיים פאַר קולטור־אַנטוויקלונג.

ווי איז דאָס מעגלעך געווען? אוודאי האָט איר צו פאַרדאַנקען דעם דאַנקבאַרן הינטערגרונט, די פאָלקסטימלעכע און שעפערישע יידן. אָבער אַזוינס אָדער ענלעכס קען מען געפינען אויך אַנדערשוואו. אייער באַזונדערער מזל שטעקט אין דעם וואָס איר האָט כסדר פאַרמאָגט ביי זיך און אַרום זיך מומחים און חובבים, קאָמ־פּעטענטע מענטשן און געטרייע ליבהאָבערס. האָט איר טאַקע געדאַרפט דורכמאַכן אויך שווערע צייטן און דורכלעבן קריזיסן, אָבער אייגנטלעך זייט איר געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל. די ביבליאָטעק האָט געהאַט ביי זיך און אַרום זיך גוטע דערציערס און איבערגעגעבענע ליבשאַפט.

ווען קענטעניש און ליבשאַפט פאָרן זיך צונויף, ווערט געבוירן און עס וואַקסט, און עס געדייט אַ דבר של קיימא. אַן פאַד־קענטענישן צעפאַלן זיך אויך מיט חיבה געבויטע בנינים. ליידער פאַרגעסט מען עס אָפט ביי אונדז. מע דערשאַצט ניט די אומפאַרמיידלעכע ראָלע פון דעם מומחה. אָבער קענטעניש אַליין קען אויך פירן צו פאַרדאַרבונג, פונקט ווי ליבשאַפט אַליין קען פירן צו פאַרוואָסערונג, צו פאַרנעפּלטע יאַגענישן נאָכן אומדערגרייכלעכן און לסוף אַפילו ניט מער ווי צו קורצאַטעמדיקע אויפטוען. דאָס סטאַבילע און דאָס פעסטע וואַקסט אַרויס אין אונדזער קולטור־לעבן נאָר דעמאָלט, ווען עס זיינען בנמצא ביידע שעפערישע כוחות, ביידע „שאַפטן״: מומחהשאַפט און ליבשאַפט.

דאָס איז אַ כלל גדול אין אונדזער לעבן. מע קען אים אַנווענדן ניט דווקא אויף פאָלקס־ביבליאָטעקן. ס׳איז אויך חל אויף אַלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, ממש אויף אַלע אינסטיטוציעס און חברות וואָס פאַרמעסטן זיך עפּעס צו טאָן אויפן שטח פון יידישער קולטור. טראַכט מען וועגן די ליידער גאַנץ אָפטע דורכפאַלן, דערזעט מען אַז עס האָט דאָרטן געפעלט אָדער זאַד־קענטענישן אָדער ליבשאַפט

(אָדער, בעוונותינו הרבים, ביידע לעבנס־עלעמענטן). היינט ווי געבענטשט איר זייט געוועזן און איר זייט וואָס מומחים און חובבים האָבן געאָרעמטערהייט געלייגט אייער פונדאַמענט, אויפגעשטעלט די ביבליאָטעק, זי אויסגעברייטערט, זי כסדר געכאָוועט, צעשפּרייט אירע האָריזאָנטן, זי געטריי געפּירט מחייל אל חייל.

עס איז אַ ברכה צו מאַכן אויף אייערע פופציק יאָר. אָבער קיין גאַראַנטיע אויף ווייטער גיבן זיי נאָך ניט. יידישע קולטור־אַרבעט איז איצט שווערער ווי מיט פופציק יאָר צוריק, ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. די שוועריקייטן קומען פון אַ סך סיבות: פון דעם וישמן ישורון, פון נאָך־חורבנדיקער אָפּהענטיקייט, פון פאַרלאָזן זיך אויף מדינת ישראל, פון דעם וואָס די קולטור־אַרבעט פון אונדזער דור האָט אַזוי ווייניק יורשים, און אפשר מער פון אַלץ פון דעם וואָס אויך איבער אונדז פאָכעט דער צייטגייסט מיט זיין נטיה צו אומקולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לאָז־מיך־געמאַך. די שטרויכלשטיינער פון עתיד זעען אויס צו זיין נאָך משופּעדיקער און מסוכנדיקער ווי אין עבר. דאָס אַלץ פאַרבייצוגיין בשלום, דאָס אַלץ גובר צו זיין — אויף דעם איז אוודאי און אוודאי נייטיק די שטענדיקע און האַרמאָנישע מיטאַרבעט פון מומחים און חובבים. זי איז פריער ביי אייך געוועזן און מיר האָפן אַז זי וועט אויך ווייטער זיין ביי אייך.

זייט זשע געגריסט און חזק ואמץ, מומחים און חובבים!

יודל מאַרק

די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאַל איז אַן אינסטיטוציע וואָס איז ראוי צו טראָגן דעם שטאָלצן נאָמען פאָלקס־ביבליאָטעק, און האָט אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און אויפטו. אייער ביבליאָטעק איז מער ווי „פּאָליצעס מיט ביכער”, ווי געוויינלעך אַ ביבליאָטעק איז. פאַר די פאַר מאָל וואָס איך בין געווען אין מאָנטרעאַל, האָב איך געפילט, אַז אין דער ביבליאָטעק קלאַפּט אַ לעבעדיקער אָדער, אַן אויפריכטיקע באַציאונג צום יידישן בוך און יידישן שרייבער. די אָוונטן פאַר ליטעראַטור וואָס די ביבליאָטעק האָט איינגעאָרדנט, די אויסשטעלונגען פון ביכער פון מחברים, און אויך ווי ווייט איך ווייס, אַפילו קורסן פאַר יידיש — האָבן געמאַכט די ביבליאָטעק פאַר אַ צענטער פון יידישער קולטור. איך ווינטש אייך פאָרזעצן די אַרבעט מיט דעם זעלבן אימפּעט און איבערגעגעבנקייט ווי פריער.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגן עטלעכע מאָל צו באַזוכן אייער ביבליאָטעק, דאָרט צו רעדן און צו געניסן פון דעם אוצר ביכער און זשורנאַלן וואָס איר האָט אנגעזאַמלט. די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאל קאָן דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אַנדערע יידישע שטעט. איך באַגריס זי איצט הארציק צו איר יובל, סיי די ביבליאָטעק און סיי יענע וואָס האָבן אריינגעלייגט אין איר ענערגיע און אידעאַליזם. איך האָף אַז זי וועט וואַקסן און בלייבן אַ צענטער פון יידישער קולטור אויף לאַנגע יאָרן.

יצחק באַשעוויס

אייער ביבליאָטעק איז דאָך אַ יחידה במינה איבערן גאַנצן גרויסן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. גאָר פיל טייערע זכרונות און איבערלעבונגען מיינע זיינען פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן ליכטיקן פונקט.

זאָל די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק דינען אויף לאַנגע יאָרן ווי אַ ליכט־טורעם פאַר יידישער חכמה און יידישן וויסן. און אייך, די אָנפירער פון דער ביבליאָטעק, ווינטש איך: איר זאָלט האָבן נחת און פרייד אין אייער אַרבעט.

תחזקנה ידיכם!

י. י. שוואַרץ

יעדעס מאָל, ווען איך טרעט איבער די שוועל פון אייער אינסטיטוציע, באַהערשן מיך געמישטע געפילן: פון איין זייט — אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס אונדזערע יידן פון מאָנטרעאל האָבן באַוויזן צו שאַפן אַזאַ פּראַכטפולע אינסטי־טוציע, און פון דער צווייטער זייט — אַ געפיל פון פאַרשעמטקייט, וואָס אונדזערע יידן פון ניו־יאָרק האָבן דאָס נ י ט באַוויזן.

איך בין אייך שולדיק אַ דאַנק פאַרביידע געפילן, ווייל ביידע זיינען אונדז נויטיק פאַר אונדזער קיום. דאָס ערשטע — כדי צו האָבן אַביסל נחת און דאָס צווייטע — כדי צו האָבן אַביסל (און אפשר טאַקע אַ סך מער ווי אַביסל) אומרו.

ברוך שעפנער

מ. גינזבורג

איינִיקע זכרונות פון מײנע ערשטע

שריט אין מאָנטרעאָל

(ספּעציעל פאַר דער יובל־שריפט פון דער יידישער
פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל)

ליידער קאָן איך ניט האָבן געהאַט מיין פּלאַץ צווישן די ערשטע בויער און טרוימער פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל. אָבער די ערשטע טיר, וועלכע איך האָב געעפנט דעם זעלבן טאָג פון מיין אַריינקום קיין מאָנטרעאָל, איז געווען די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, וואוהין איך בין ניט אַריינגעקומען, נאָר גיכער אַריינגעפאַלן, ווי אַ דורשטיקער, וואָס זוכט אַ ביסל פריש וואַסער פאַר זיין פאַרטריקנטן גומען. לכאורה, קאָן זיך דוכטן אַביסל נאַיוו, אָדער פּשוט נאַריש: אַ מאַן, וואָס איז אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע פון פּוילישן עמק־הבכא, מיט צען אַמעריקאַנער דאָלאַר אין קעשענע, מיט אַ „צולאָג'' פון אַ ווייב און צוויי קליינע קינדער, וואָס האָט גלייך ניט געהאַט וואו איבערצושלאָפן די ערשטע נאַכט, און די פּעק באַגאַזש מיט גרויסע קישנס און פּערענעס, מעשענע לייכטער און די דריי קעסטלעך ביכער און ספרים זיינען נאָך פאַרבליבן אין האַפן, ווייל עס איז נישט געווען וואו דאָס אַריבערצונעמען — זאָל אַנשטאַט אַנהויבן לויפן זוכן אַ „דזשאָב'', פּרנסה, לחם הקלוקל, זיך אַוועקלאָזן אַלעמערשטן אויפצוזוכן אַ יידישע ביבליאָטעק... וואָס האָט ער געוואָלט זען? עפּעס אַ פרישע יידישע צייטונג פון פּוילן, אַ „היינט'', אַ „מאָמענט'', און אפשר גאָר זיין אייגענע „בריסקער וואָכנ־בלאַט'', וועלכע ער האָט היפּשע עטלעכע יאָר אַרויסגעגעבן, און געוואָלט זען, צי איז זי נאָך אַלץ ביים לעבן?...

אַריינקומענדיק אין ביבליאָטעק דעם ערשטן מאַי 1930, האָב איך געטראָפן אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס מר. קיילעס, און אַ מיידל מיטן נאָמען רחל אייזענבערג. קיינע אַנדערע פּערזאָנען האָב איך דאָן אויף 4115 סט. אורביין סטריט, וואו די קליינע ביבליאָטעק האָט זיך געפונען, נישט געטראָפן, און קיינער האָט מיך אויך נישט אינטערעסירט. איך האָב געזען, אַז עס איז ניט די צייט און אומשטענדן אויפן אָרט אַוועקצוזעצן זיך, אָדער אַוועקצושטעלן זיך איבערלייענען אַ פּאָר צייטונגען. האָב איך זיך געווענדעט צו דעם פּאָרל מיט אַ בקשה: אפשר קאָנען זיי מיר אויסלייען ביז מאָרגן איינע, אָדער צוויי צייטונגען, מאַכנדיק זיכער, אַז איך וועל זיי צוריקברענגען...

די צייטונגען זענען שוין געווען אַלט אַ צוויי חדשים — זינט איך האָב

איינגעשטיגן אין דער שיף „עסטאָניאַ" אין גדיניע. צוליב דער קראַנקהייט פון מיינע צוויי קינדער, וועלכע האָבן זיך אויפן שיף אָנגעשטעקט מיט מאָזלען, האָבן מיר געמוזט זיך וואַלגערן אין האַליפאַקסער האָספּיטאַל „ראַקען" פאַר אָנשטעקנ־דיקע קראַנקהייטן איבער אַ חודש, בעת וועלכע איך האָב קיין יידישע צייטונג פאַר די אויגן נישט געזען. אָבער איך האָב פאַרגעסן צו רעכענען זיך מיט דער דאַטע פון די צייטונגען, און זיי זענען אויסגעקומען אין מיינע אויגן „פריש און צאַפּלדיק", אַט ווי איך וואָלט נאָר וואָס פאַרלאָזן פוילן... ס'איז אגב נישט געווען קיין וואונדער. האָבנדיק אַן אייגענע צייטונג איבער זעקס יאָר, איז מען געווען אַזוי פאַרזונקען אין דער פּוילישער פּאָליטיק, און איבערהויפּט אין דעם יידישן לעבן אין פוילן, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט אין די צוויי נומערן פון די וואַרשעווער צייטונגען, האָט מיר אויסגעזען, אַט ווי נעכטן וואָלט דאָס אַלץ פּאַסירט... די נעמען פון די אַרטיקלען און זייערע שרייבער, די פאַרשידענע „פּיטשור־סעריעס", א.אַ.וו.

האָבנדיק „צוריקגעשטעלט" מיין „לעצטע" אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ און אַלעמען, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פוילן פאַר די לעצטע פּאָר חדשים, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט זוכן פרנסה... וואו? מיין צווייטע טיר איז געווען דער „קענעדער אדלער", וועלכן איך פלעג באַקומען רעגולער נאָך אין בריסק, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער צייטונגען, וואָס פלעגן אָנקומען אין מיין רעדאַקציע.

לאָמיר דאָ לשם פּינקטלעכקייט באַמערקן, אַז דער וואָס האָט מיך גענומען ביי דער האַנט און אַ זאָג געטאָן: יונגערמאַן, קומט, לאָמיר גיין! — איז געווען איינער פון די עסקנים פון יידישן אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין, ר' אהרן וואָלאָפּסקי ע"ה. הערנדיק וואָס פאַר אַ „גאָלדענע" פּראָפעסיע איך האָב, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן: קומט, יונגערמאַן, מיין ברודער הערשל האָט אַן אייגענע צייטונג.

געקומען צו ר' הערשלען, האָט מיך ר' אַרעלע פאָרגעשטעלט: הערשל, דאָס איז אַ גרינער, נאָר וואָס אָנגעקומען נעכטן מיט דער שיף... ער זאָגט, אַז ער איז אַ שרייבער, איז גיב אַ קוק, אפשר קאָנסטו אים אריינבעמען אין רעדאַקציע?...

ר' הערשל האָט אַ צי געטאָן מיט דער פּלייצע, און באַמערקט, אַז ער דאַרף ניט, אַז ער האָט נאָך צו־פיל שרייבער. און וואָס מישטיינס געזאָגט, קאָן אַזאַ גרינער וויסן וואָס צו שרייבן?...

ר' הערשל האָט אָבער ניט געוואָלט צו פיל ריידן, נאָר אַ זאָג געטאָן, אַז אויב איך וועל עפּעס „אַמאָל" אָנשרייבן, זאָל איך אים קומען וויזן. ביי מיר איז דער „אַמאָל" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „שוין", תיכף ומיד!... איך האָב זיך אומגעקערט צו מיין פרוי און קינדער, זיך אָנגעשפּאַרט עפּעס אויף אַ בּרעג טישל, אָנגעשריבן מיין ערשטן אַרטיקל וועגן דעם יידישן לעבן אין פוילן, און גלייך אַוועקגעטראָגן דעם זעלבן פרימאָרגן צו ר' הערשלען.

אַריינקומענדיק צו אים, האָט ער זיך פאַרוואונדערט: וואָס, שוין אַזוי גיך? איך האָב געמיינט, אַז איר וועט קומען אין אַ וואָך, צוויי אַרום, און דאָ זענט איר שוין דאָ...

ר' הערשל האָט דאָך גענומען ביי מיר דעם מאַנוסקריפּט, איז אַוועק אויבן אַרויף, וואו י. ראַבינאָוויטש (ע"ה) איז געזעסן און זיי האָבן ביידע איבערגעלייענט דעם אַרטיקל... נאָך אַ 20 מינוט איז ר' הערשל צוריק אַרונטער צו מיר, וואו איך האָב געוואַרט מיט גרויס האָפענונג, און אַ פרעג געטאָן: וויפיל סאַלאַרי

ווילט איר? איז וועגן „סאלארי" האב איך זיכער ניט געוואוסט וואס דאס מיינט, אבער פארשטאנען האב איך, אז ער מיינט ביזנעס, ד.ה. כמה?... האב איך אים געענטפערט האלב „דיפלאמאטיש" און האלב שרייבעריש: וואס ווייס איך וויפל צו פארלאנגען? איך ווייס נאר, אז איך האב א פרוי און צוויי פיצלעך קינדער, איז וויפל מען דארף דא אין קאנאדע האבן א וואך, ווייס איך ניט...

ר' הערשל האט אבער גלייך א מאך געטאן דעם חשבון: ווי ווייניק דארפט איר האבן א 25 דאלאר א וואך, דאס מיינט 100 דאלאר א חודש, אדער 1,200 דאלאר א יאר, — קאן איך אזוי פיל ניט געבן...

אויסהערנדיק דעם חשבון און ווויסנדיק, אז דאס איז די איינציקע יידישע רעדאקציע אין מאנטרעאל, האב איך א פרעג געטאן: אויב איר קאנט מיר אזוי פיל ניט געבן, טא זאגט וויפל איר קאנט געבן... דא האט שוין ר' הערשל א זאג געטאן: „יונגערמאן, איר ווילט 15 דאלאר א וואך, קאנט איר זיך גלייך זעצן צו דער ארבעט. מיר וועלן אייך אוועקשטעלן א „דעסק" מיט א „טשער" און איר וועט שרייבן... ווילט איר מען זאל אייך זאגן וועגן וואס צו שרייבן, אדער איר וועט אליין שוין געפינען וועגן וואס...

— ביין, איך וועל ארפשארן עטלעכע ברעקלעך פון רעדאקציע־טיש, און וועל שוין האבן וועגן וואס צו שרייבן...

דעם זעלבן טאג בין איך געווארן א מיטארבעטער אין „קענעדער אדלער", איבערגענומען אן אלטן „דעסק", אויף וועלכן איך שרייב נאך היינט, און א שטול, וועלכער קרעכצט נעבעך, ניט צוליב מיין שווערער וואג, נאר צוליב זיין שוואכ־קייט, ר"ל...

שפעטער איז צוגעקומען נאך א ליידיקער „דעסק" פון ר' חיים קרוגער ע"ה, וואס שטייט נאך אויך היינט אין רעדאקציע, און אויף זיין שטויב קאן מען אנשרייבן מער ווי איין עדיטאריעל, אדער פעליעטאן... לעצטנס איז ליידער צוגעקומען נאך „דעסקס" פון ישראל ראבינאוויטש ע"ה, פון י. מדרש ע"ה און אזוי לעבן איבער די אלטע טישן די אלע שרייבער...

קער איך זיך צוריק צו דער יידישער פאלקס־ביבליאטעק, וואוהין איך בין א טאג שפעטער ווידער געקומען און געפרעגט, צי איך וועל קאנען אויסלייען אמאל א ספר, אדער א בוך, אויב איך וועל דאס דארפן האבן פאר מיין ארבעט אין „קענעדער אדלער"? הערנדיק, אז איך ארבעט שוין אין „קענעדער אדלער", האט מר. קיילעס געענטפערט, אז איך קאן צו יעדער צייט קומען לייענען, אדער שרייבן און אפילו אויסלייען א ספר, אדער א בוך, אויב איך וועל נויטיק האבן... נאטירלעך, האב איך קיין סך ביכער און ספרים ניט מיטגעבראכט פון פוילן, און האב געדארפט ביי אפטע געלעגנהייטן אנקומען צו דער יידישער פאלקס־ביבליאטעק נאך דער „געפעליקייט" מיר אויסצולייען אזא אדער אנדער בוך.

פאר מיינע אויגן זענען געשטאנען שטענדיק די אפענע טירן פון דער סטראשון־ביבליאטעק אין ווילנע, וואו איך בין געווען א בן בית, און געגאשט דארט מן המובחר, פון אלטע און נייע ספרים און ביכער, אן א שיעור! אויך די ריזיקע ביבליאטעק ביי דער טלאמאצקע שול איז מיר געבען היבשלעך באקאנט, און די היגע ביבליאטעק האט לכתחילה אויסגעזען אין מיינע אויגן זייער באגרענעצט, אבער דאך א קוואל פון ספרים, ביכער, צייטשריפטן, אין יידיש, העברעיש און אנדערע שפראכן, האב איך זיך געקענט צופרידנשטעלן מיט זיי...

אַזוי אַז ווען איך פלעג באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַ לעקציע, אָדער רעפעראַט, פלעג איך זיך קודם ווענדן אין דער ביבליאָטעק נאָך מאַטעריאַל, אינפאָרמאַציעס וכדו׳...

יאָרן לאַנג האָב איך זיך ניט געקענט דערשלאָגן צו אַן אייגענעם ש״ס, ווער רעדט צו אַן ענציקלאָפּעדיע, אָדער צו געוויסע ביכער, וועלכע איך האָב נויטיק געהאַט פאַר מיין זשורנאַליסטישער אַרבעט. דער עול־הפרנסה האָט אַוועק־געריבט ניט נאָר יעדע פרייע שעה, נאָר אויך די מעגלעכקייט צו איינשאַפן זיך געוויסע ביכער, וועלכע אַ זשורנאַליסט דאַרף האָבן... שפּעטער האָב איך שוין געקויפט אַ צאָל ביכער, אָבער די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק איז אַלץ פאַרבליבן מיין הויפּט־קוואַל פאַר אינפאָרמאַציעס און שטודיומס וועלכע איך האָב פון צייט צו צייט געדאַרפט האָבן...

אַזוי אַרום איז די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק געוואָרן מיין גייסטיקע היים און „באַרואיקונגס־צענטער״, אַז אין פאַל, איך וועל דאַרפן האָבן אַזאַ, אָדער אַן אַנדער ווערק, — קאָן איך דאָס צו יעדער צייט באַקומען. די ביבליאָטעק האָט מיר געגעבן גייסטיקע מנוחה, אַ געוויסע זיכערקייט אַז איך האָב דעם ברונעם, פון וועלכן איך זאָל קאָנען שעפּן אַלערליי אינפאָרמאַציעס, ידיעות, נייע ביכער צום לייענען, און אַלץ, וואָס עס קאָן מיר אויספעלן.

דאָס און נאָך עפּעס: דער אומפּאַרטייאישער שטעמפּל, וואָס ליגט אויף דער מאָנטרעאַלער פאָלקס־ביבליאָטעק, די בונטפאַרביקע צאָל עסקנים פון עקסטרעם רעכטס ביז עקסטרעם לינקס, די פאַרשידענע פּאַרטיי־מענטשן, וואָס לעבן זיך אויס אין דער ביבליאָטעק, — זיי אַלע ווערן גייסטיק „נייטראַליזירט״, זיצנדיק אין די פיר ווינקעלעך פון דער ביבליאָטעק... די היגע פאָלקס־ביבליאָטעק האָט ניט קיינע ספּעציפישע „צייכנס״ פון ריכטונג, אָדער פּאַרטיי. דער מוסד פון ביבליאָטעק איז אַ כלל ישראל׳דיקער, פאַר אַלע אָן אויסנאַם. אַזוי איז אויך צו מערקן פון דעם כאַראַקטער פון די ביכער, וואו שאַפונגען פון דער תלמוד־צייט מישן זיך אויס מיט די סאַמע לעצטע מאָדערנסטע ווערק פון אונדזער יאָרהונדערט, און ניט דווקא אין יידיש און העברעאיש, נאָר אויך אין פאַרשידענע פרעמדע שפּראַכן...

דער עצם ציל פון דער ביבליאָטעק איז צו האָבן אַלץ, וואָס דער יידישער זשעני האָט אַרויסגעבראַכט אויפן פּאַפּיר, אָדער אין בילד, אָדער אין קאָמפּאָ־זיציע... די הנהלה פון דער ביבליאָטעק „הונגערט״ ממש נאָך נייע ביכער, ספרים, שאַפונגען, מאַנוסקריפּטן, און אַלץ, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צום עם־הספר... דער נייער פּרעכטיקער בנין פון דער ביבליאָטעק איז דער „רייכסטער״ ווינקעלע אין דער יידישער קאַנאַדע. עס איז דאָס האַרץ, וואָס גיט מאָראַלישע און גייסטיקע יניקה צו אַלץ, וואָס איז שיין, איידל, קולטורעל און הומאַניטאַר.

דעריבער איז דער ביבליאָטעק יום טוב אויך מיין יום טוב, אונדזער אַלעמענס יום טוב.

זאָלן געבענטשט זיין די הענט וואָס האָבן געטראָגן אַ ציגל צו אַ ציגל צום פּרעכטיקן גייסטיקן פּיראַמידע־בנין וואָס איז אַ שטאָלץ און אַ שלשלת היוחסין פאַר אונדז אַלעמען!...

ב. ג. זאַק

פופציק יאָריקע עקזיסטענץ פון יידישער

פאָלקס-ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל

בלעטערנדיק דעם ביבליאָטעק-בוך, וועלכן איך האָב רעדאַקטירט מיט דרייסיק יאָר צוריק, קומען אַרויף אין געדאַנק פאַרשיידענע זכרונות און מאָמענטן. צווישן די ווענט פון דער ביבליאָטעק געפינט זיך אַזוי פיל קולטור פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין דעם, אַ טעמפּל וואוהין די דאָרשטיקע נאָך ליכט און אויפקלערונג קומען טרינקען פון די אייביקע קוואַלן.

איך באַוואונדער די ענערגיע, דעם ווילן, דעם דראַנג פון די וועלכע האָבן געשאַפן די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט אַ וואַרעמער און לעבעדיקער באַציאונג צו די קולטורעלע נויטן פון אונדזערע מאַסן, וועלכע האָבן געדאָרשט נאָך אַ גייסטיק וואָרט. איך באַוואונדער אויך דעם אידעאַליזם און די איבערגעגעבענע, געטרייע טוער פון דער פאָלקס-ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן, און אַפילו אין די דאָזיקע שווערע צייטן, האָט זי זיך באַמיט צו האַלטן אירע טירן אָפן פאַר די וועלכע האָבן זי באַזוכט. זי האָט זייער שווער געדאַרפט קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ. דאָך האָבן מיר איצט אַ ביבליאָטעק וואָס פייערט היינט איר פופציק יאָריקן יובל.

אין די יאָרן ווען ראובן ברײנין האָט זיך געפונען דאָ אין מאָנטרעאָל, צוזאַמען מיט יהודה קויפמאַן, האָבן זיי געאַרבעט אומדערמידלעך צוצוציען און פאַראינטערעסירן אַ גרעסערן קרייז אַרום איר. ראובן ברײנין האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבן און אַגיטירן כמעט אין יעדן נומער פון „קענעדער אַדלער", רופן צו שטיצן די ביבליאָטעק און צו מאַכן זי פּאָפּולער. זיי האָבן אָנגעווענדעט פאַרשיידענע מעטאָדן צו שאַפן פאָנדן ווי „טעג-דעיס", ביכער-זאַמלונגען צו פאַרגרעסערן די צאָל ביכער, און פאַרשיידענע אַנדערע אונטערנעמונגען. זיי האָבן איינגעאָרדנט לעקציעס, אַריבערגעבראַכט שרייבער, אַראַנזשירט אָוונטן, טראָץ די אומשטענדן אין וועלכע די ביבליאָטעק האָט זיך אַלע אירע פריערדיקע יאָרן געפונען, מיט אירע שווערע פינאַנציעלע פּראָבלעמען, האָט זי דאָך איינגעפירט קורסן פון וועלכע גרויסע צאָל מאַסן האָבן גענאָסן קולטורעל און האָט אַרום זיך געשאַפן אַ קולטורעלע סביבה.

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט זיך אויך פאַר דער ביבליאָטעק איבערגעמישט אַ ניי בלאַט אין איר געשיכטע. אַזוי ווי אַלץ און אויף אַלע געביטן האָט זיך געענדערט דער גאַנצער גאַנג פון לעבן — בפרט פון אידישן לעבן. דאָס איז געווען אַ צייט פון איבערבוי, וואָס האָט געוועקט גלויבן, האָפענונגען, מער זיכערקייט. מען האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אימפּעט צו שאַפן און בויען נייעס, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אַ פעסטן באָדן.

די דאָזיקע שטימונג האָט אויך אָנגערעגט די, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ביבליאָטעק, זונטיק, דעם 15־טן יוני, 1930, ווען מען האָט געפייערט דעם חנוכת הבית פון דער נייער געביידע, האָט מען איינגעלאַדן ה. לייוויק פאַר איר ערן־גאַסט. דאָס זיינען געווען די געהויבנסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער ביבליאָטעק. ווען אירע צאָלרייכע, איבערגעגעבענע פריינט זיינען איבער־געפילט געווען מיט פרייד און גליק פון דעם וואָס דער שיינער חלום איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין אַזאַ גוטער שטימונג מיט ענטוזיאַזם האָט מען אויסגעאַרבעט פּלענער פאַר דער צוקונפט ווי אַזוי אויסצוברייטערן און פאַרצווייגן איר טעטיקייט, און די דאָזיקע אינסטיטוציע אַוועקצושטעלן אויף דער מדרגה אויף וועלכער זי דאַרף זיך געפינען. צי די דאָזיקע פּלענער זיינען דורכגעפירט געוואָרן קאָן זיין אַ פראַגע, אָבער אַ וואַרעמערע באַציאונג צו דער קולטור־אינסטיטוציע האָט זיך יאָ געשאַפן, אַ בעסערע פאַרשטענדניש פאַר אירע אויפגאַבן.

אין די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר זינט די ביבליאָטעק האָט געפייערט איר צוואַנציקסטן יובל, איז איר פּרעסטיזש זייער אַ סך געשטיגן אַ דאַנק אירע איבערגעגעבענע טוער און דער פאַרוואַלטונג וועלכע אַרבעט אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ אומדערמידלעך. פאַרשטייט זיך אַז במשך די יאָרן האָבן זיך די פאַרוואַלטונג און אירע איבערגעגעבענע טוער געביטן. אַ צאָל זיינען שוין אויפן עולם האמת, און די וועלכע שטייען ביז היינטיקן טאָג ביי דער אַרבעט האָבן זייער אַ סך בייגעטראָגן. מען מוז דאָ דערמאָנען נ. מייערסאָן, וועלכער איז אַלע יאָרן געשטאַנען בראש פון דער ביבליאָטעק; י. ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט אויך זייער אַ סך בייגעטראָגן צו איר פּרעסטיזש; מ. ה. מייערסאָן, קיו.סי., וועלכער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַן איבערגעגעבענער טוער פאַר דער ביבליאָטעק. צווישן די וויכטיקסטע פּערזאָנען, וואָס גיבן אָווק ביז היינטיקן טאָג זייער אַ סך מי, דינען אַלס ביישפּיל דער איצטיקער פּרעזידענט, מר. לאָוטער, און נאָך און נאָך אַ סך פון אירע איבערגעגעבענע, טיכטיקע טוער.

אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איז די צירקולאַציע פון ביכער זייער שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן, און אויך די צאָל באַזוכער אירע האָט זיך פאַר־גרעסערט. דעם אינטעליגענטערן מענטשן האָט געצויגן צו „דער היים פון אידישן בוך" און איר סביבה.

אונטערציענדיק דעם סך הכל פון אירע פופציק יאָר פון איר עקזיסטענץ, זעען מיר פאַר זיך אַ שיינעם קולטור־בנין. און געוויס מוזן מיר צוגעבן, אַז די טוער אירע וועלכע שטייען ביז היינטיקן טאָג ביי דער קולטור־אַרבעט פון דער ביבליאָטעק, פאַרדינען אַ יישר כוח.

זאָלן זיין געשטאַרקט זייערע הענט, און זאָלן זיי אויך ווייטער זיין שטאָלץ מיט זייער אויפטו פאַר דער קולטור־אינסטיטוציע. מיר ווינטשן זיי פאַרצוזעצן זייער וויכטיקע קולטור־אַרבעט אויך אויף ווייטער.

H. B. Hoffman
2100 5th Ave.

ניו יורק 20 [illegible] 1920

למר ראובן ברינין

ידידי יקירי!

מכתבך קבלתי ואני שמח מאד כי אמרו עלי חן בעיניך. סלח לי, אשר עתה אך [illegible] זמן רב כזה אל הספר האחרון. [illegible] הזמן כל הימים ולא יכלתי לכלות את מחשבותי אל המכתבה [illegible] הקשה לי (ואם כי חביבה לי) [illegible] [illegible] שתשב את [illegible]. זה דבר [illegible], אשר לא כתבתי אל [illegible] בשפת עבר ורק לפעמים [illegible] דבר מה בשפה הזאת. אני מתפלא במאד, כי [illegible] [illegible] להבעת את מחשבותי [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], אך הספרות [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] בצעירותי.

אני [illegible] לך [illegible] את הספר האחרון [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] חן בעיניך.

אני [illegible] בשלום [illegible] הנכבדה, ואני [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. אני [illegible], כי [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible].

אני שלך [illegible] [illegible]

בן ציון הופמן

בריוו פון צביון צו ראובן ברייניק

לזכרון נצח

ישראל ראַבינאָוויטש

די לעצטע חדשים — דעם 15־טן מערץ, 1964 — האָט די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק פאַרלוירן איינעם פון אירע וויכטיקסטע טוער, פירער און איבערגעגעבענע פריינד — חבר ישראל ראַבינאָוויטש, שעף־רעדאַקטאָר פון „קענעדער אדלער" און איינער פון די קאָלירפולסטע פערזענלעכקייטן אין מאָנטרעאָל און קאַנאַדע.

אין משך פון לאַנגע יאָרן, כמעט פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ, איז ישראל ראַבינאָוויטש געווען ענג פאַרבונדן און צונויפגעוואקסן מיט אונדזער אינסטיטוציע.

דריי יאָר פאַר דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק, אין 1911, איז ישראל ראַבינאָוויטש, דאַן אַ זיבעצן יאָריקער בחורל, געקומען אַהער פון זיין היימשטעטל ביטען, גראָדנער גובערניע. פון זיין פאָטער, אַ קלעזמער און בדחן, האָט ישראל שוין אין זיינע פריסטע קינדער־יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך די פאַרשידנסטע ניגונים און דעם קאָלירפולן אַלט־יידישן פאָלקלאָר פון די בדחנים און פריילעך־מאַכער אויף יידישע שמחות.

אין זיין אַרעמען באַגאַזש, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, האָט זיך געפונען אַ פידל, וועלכע ער האָט אונטערוועגס איינגעהאַנדלט אין האַמבורג.

ער האָט געטרוימט צו ווערן אַ מוזיקער...

נאָך די ערשטע שווערע יאָרן פון איינבערעכן דעם קאַנאַדער באָדן איז ער געוואָרן: אַ פירנדיקער פובליציסט, אָנגעזעענער מוזיקאָלאָג און געזעלשאַפט־לעכער מנהיג.

נאָך אין די צייטן פון ראובן בריינין טרעט ראַבינאָוויטש אַריין אַרבעטן אין „קענעדער אדלער" און גאָר שנעל, אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן, איז ער שוין רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג. אונטער זיין רעדאַקציע געווינט די צייטונג אין אָנזען און חשיבות. זי שפּיגלט געטריי אָפּ דאָס יידישע לעבן אין קאַנאַדע אין אַלע זיינע אַספּעקטן און ניואַנסן. ער הויבט אָן דרוקן זיין טעגלעכן קאָלום א.ב. „גוט מאָרגן", און אין משך פון צענדליקער יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין אַרבעט אין רעדאַקציע, איז עס געווען דאָס וואָרט צו וועלכן עס האָבן זיך צוגעהערט די ברייטע לייענער קרייזן פון דער צייטונג, די געזעלשאַפטלעכע טוער פון שטאָט, די וואָרט־זאָגער פון דער יידישער קהילה.

אין 1940 דערשיינט זיין בוך „מוזיק ביי יידן", און ראַבינאָוויטש ווערט ברייט באַקאַנט אין דער מוזיקאַלישער וועלט ווי דער גרינטלעכער קענער און פאָרשער פון יידישער מוזיק. „מוזיק ביי יידן" ווערט אַ האַנטבוך פאַר מוזיקאָלאָגן און די אַלע, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט מוזיקאַלישער שאַפונג. דאָס בוך דערשיינט אויך אין אַן ענגלישער איבערזעצונג פון א. מ. קליין.

אויסער זיין פובליציסטישער, שרייבערישער און מוזיקאַלישער טעטיקייט איז ישראל ראַבינאָוויטש געווען אַ קאָלירפולער געזעלשאַפטלעכער עסקן און מנהיג.

ער איז במשך פון זיינע אַלע יאָרן געווען ענג פאַרבונדן און האָט געהאָלפן געשטאַלטיקן די ציוניסטישע באַוועגונג ביי אונדז אין שטאָט און אין קאַנאַדע. ער איז געווען פאַרבונדן מיטן קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, וואו מען האָט זיך מיט רעספּעקט צוגעהערט צו זיין וואָגיק וואָרט. שטאַרק נאָענט איז אים געווען דאָס יידישע טעאַטער און די מוזיק־קרייזן אין וועלכע ער איז געווען אַריינגעטאָן בלב ונפש.

פון די אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס מיט וועלכע ראַבינאָוויטש איז געווען פאַרבונדן איז אים אַמנאָענטסטן געווען די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק. דאָ האָט ער געפונען פאַר זיך זיין גייסטיקע היים. דאָ אין קרייז פון די ביכער, ספרים און קולטור־טוער, האָט ער געפונען דאָס שבת־יומטובדיקע, דאָס דער־הויבענע אין יידישן לעבן צו וועלכן ער האָט געשטרעבט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים.

די מיטגלידער און טוער פון ביבליאָטעק האָבן הויך געשאַצט זיין איבער־געגעבנקייט און ליבע צו זייער אינסטיטוציע און האָבן זיך מיט אַכטונג און אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו זיין יעדן וואָרט.

אויף די דערהויבנסטע אָוונטן און עפנטלעכע אונטערנעמונגען פון דער ביבליאָטעק איז ראַבינאָוויטש שטענדיק געווען פון די ראש־המדברים אָדער דער פאָרזיצער.

אין משך פון יאָרן איז ער געשטאַנען בראש פון דער אינסטיטוציע און האָט איר באַשיינט אַלס פּרעזידענט.

מיטן טויט פון ישראל ראַבינאָוויטש האָט די ביבליאָטעק פאַרלוירן איינעם פון אירע ראשונים, וואָס איז ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג געבליבן איר גע־טרייסטער פריינד.

שלמה טעמקין

געקומען אַהער איז שלמה טעמקין פון וויטן רוסישן סיביר, וואו די צאַרישע מאַכט האָט אים פאַרשיקט פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט. אין סיביר האָט זיך טעמקין געטראָפן מיט ה. לייוויקן און פון דעמאָלט אָן אָנגעהאַלטן מיט אים נאָענטע פריינדשאַפט ביז זיין טויט. אויך אויסערלעך זיינען ביידע פריינד געווען ענלעך איינער צום צווייטן, און ווען מען האָט זיי געזען צוזאַמען איז מען געווען זיכער, אַז זיי זיינען נאָענטע קרובים.

שלמה טעמקין איז געווען אַ ליבהאָבער און קענער פון דער רוסישער און יידישער ליטעראַטור און זיין ליבשאַפט צום בוך האָט אים זייער פרי געבראַכט אין די רייען פון די פריינד פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק.

אַדאַנק זיין איבערגעגעבענער און אַקטיווער אַרבעט ווערט ער דערוויילט ווי דער פּרעזידענט פון דער ביבליאָטעק אין משך פון אַ סך יאָרן. און דווקא זיינען דאָס געווען די יאָרן, ווען די ביבליאָטעק האָט זיך געראַנגלט מיט גרויסע שווע־ריקייטן, און שטיין בראש פון דער אינסטיטוציע איז דאַן נישט געווען פון די

לייכטע זאַכן. שפּעטער איז ער לאַנגע יאָרן געווען וויצע־פּרעזידענט פון ביבליאָטעק און אַ מיטגליד פון פאַרשידענע וויכטיקע קאָמיטעטן.

צו זיין 50 יאָריקן געבוירן־טאָג, אין יאָר 1938, האָט די ביבליאָטעק אַלס אנערקענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן, באַאויפטראַגט דעם באַרימטן קינסטלער אַלעק־סאַנדער בערקאָוויטש צו מאָלן אַ פּאָרטרעט פון ש. טעמקין. דאָס בילד הענגט ביז היינט אין קונסט־צימער פון אונדזער אינסטיטוציע.

געשטאָרבן איז ש. טעמקין דעם 20־טן פעברואַר, 1963, אין עלטער פון 75 יאָר.

צו די שלושים פון זיין פּטירה האָט די ביבליאָטעק דורכגעפירט אַ פייערלעכן הזכרה אָוונט צו ערן דעם אָנדענק פון איר איבערגעגעבענעם פריינד.

שמואל לאַפּיצקי

געבוירן אין ווייסרוסלאַנד ביי אָרעמע עלטערן, איז שמואל לאַפּיצקי געקומען אַהער אַלס יונגער 18 יאָריקער בחור.

דאָ האָט ער אין די ערשטע יאָרן געטאָן אַלע עבודת פּרך, געווען אַ שוואַרץ־אַרבעטער, געאַרבעט אויף דער אייזנבאַן. אַדאַנק זיין מיזאַמקייט אַרבעט ער זיך צוביסלעך אַרויף און ווערט מיט דער צייט אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן.

שוין זייענדיק שטאַרק אַנגעזען אין דער געשעפטס־וועלט, בלייבט שמואל לאַפּיצקי אַלץ דער זעלבער באַשיידענער מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין פּשטות און ווענדט אָן די זעלבע כללים אין זיין אייגענעם לעבן.

מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן האָט לאַפּיצקי איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פון לעבן און פון דער וועלט און זיך באַמיט, אַז אויך אַנדערע זאָלן פאַרשטיין און געניסן פון די דאָזיקע שיינקייטן.

מיט אַ ברייטער האַנט האָט ש. לאַפּיצקי געשטיצט און געהאָלפן אַלע מענטשן און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פאַרשפּרייט וויסן און בילדונג צווישן די ברייטע מאַסן. ער האָט געשטיצט מאָלער, שרייבער, עטאַבלירט סטיפּענדיעס פאַר די שילער פון די יידישע שולן און אוניווערסיטעטן.

ש. לאַפּיצקי איז געווען פון די ערשטע און במשך פון לאַנגע יאָרן איינער פון די נאָענטסטע פריינד פון דער ביבליאָטעק. דערביי האָט ער אין זיין באַשיידנ־קייט קיינמאָל נישט פאַרנומען קיין אָפיציעלן אַמט.

ביים בויען דעם איצטיקן בנין פאַר דער ביבליאָטעק, איז ער געווען אין בוי־קאָמיטעט און זיין אייגענער ביי‌טראַג צום בוי־פאָנד איז אפשר געווען די גרעסטע סומע וואָס עמיצער האָט ווען עס איז מנדב געווען פאַר אַ היגער פאָלקסטימ־לעכער אינסטיטוציע.

יעדן יאָר, צו זיין געבורטס־טאָג, האָט ער געשאָנקען דער ביבליאָטעק אַ באַדייטנדיקע סומע אויף איינצוקויפן קינדער ליטעראַטור. אין קונסט־צימער הענגען פיל ווערטפולע קונסט־בילדער, וועלכע ער האָט געשאָנקען דער ביבליאָטעק.

צום 70־טן געבוירן־טאָג פון ש. לאַפּיצקי האָט די ביבליאָטעק, דעם איינציקן

מאָל אין איר געשיכטע, איינגעאָרדנט לכבוד אים אַ גרויסן פאָלקס־באַנקעט אין זאַל, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

מיטן טויט פון שמואל לאַפּיצקי האָט די ביבליאָטעק פאַרלוירן אַן איבער־געגעבענעם לאַנגיאָריקן פריינד, אַ פריינד פון יידיש, יידישע שרייבער און יידישער ליטעראַטור.

איידע מאַזע

צענדליקער יאָרן איז איידע מאַזע געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ביבליאָטעק און מיט איר קולטור־אַרבעט. באַזונדערס נאָענט און ליב איז איר געווען די אַרבעט צווישן די יינגסטע לייענער. אין די לייען־קרייזן, וועלכע זי האָט אָרגאַניזירט פאַר זיי, האָבן די קינדער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעהערט די מעשהלעך און לידעלעך, וואָס די דיכטערין האָט פאַר זיי געלייענט און דערציילט. צוזאַמען מיט איר האָבן זיי זיך אַוועקגעטראָגן אין צויבער־לאַנד פון פאַרכשופטע בת־מלכהס, פון „יינגל צינגל'' און אליהו הנביאס רייטוואָגן, וואָס פליט אין הימל.

אָבער נישט בלויז די קינדער האָבן געפונען אין איידע מאַזע אַ האַרציקן פריינד. איר שטוב איז געווען אַ מאָנטרעאַלער אַדרעס פאַר דער גאַנצער ליטע־ראַרישער וועלט. דאָס איז געווען אַן אָפן הויז, וואוהין ס'האָבן געצויגן יידישע שרייבער, קולטור־טוער, פאָלקס־מענטשן; אַלעמען האָט זי מיט ליבשאַפט צוגע־טוליעט צו זיך, אַלע זיינען איר געווען נאָענט און אייגן.

געקומען קיין קאַנאַדע איז איידע מאַזע אין 1908, אַלס פּערצניאָריק מיידל, פון דאָרף אוגאַל נעבן קאַפּוליע, די געבוירן־שטאָט פון מענדעלע מוכר ספרים, וועמענס אַ ווייטע קרובה זי איז געווען.

נאָך די ערשטע יאָרן אין טאָראָנטאָ באַזעצט זי זיך מיט איר מאַן, אליהו מאַזע, אין מאָנטרעאָל און גלייך ווערט זי אַקטיוו אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן פון שטאָט.

זי איז מקרב צו זיך די יידישע פּען־מענטשן און גאָר גיך ווערט זי באַקאַנט אַלס די מאַמע און פּאַטראָן פון דער יידישער שרייבער משפחה. זי העלפט די שרייבער אַרויסגעבן זייערע ווערק, זי העלפט שאַפן אַ ליטעראַרישע טריבונע אין שטאָט.

אין יאָר 1925 הויבן אָן דערשיינען אירע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען און זינט דאַן טרעפט מען איר נאָמען אין אַלע ליטעראַרישע און קינדער אויסגאַבעס פון דער וועלט.

אין 1931 דערשיינט איר ערשט בוך לידער „אַ מאַמע''. שפּעטער גייען אַרויס אירע 2 ביכער „לידער פאַר קינדער און „נייע לידער'', און דאָס לעצטע בוך קינדער־לידער, „וואַקסן מיינע קינדערלעך''.

פילע פון אירע לידער זיינען איבערזעצט אין העברעיש, ענגליש און רוסיש.

אין מאַנוסקריפּט האָט זי איבערגעלאָזן אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן אויף וועלכן זי האָט געאַרבעט פיל יאָרן.

איידע מאַזע איז געווען באַקאַנט נישט בלויז ווי „די מאַמע פון דער יידישער ליטעראַטור אין מאָנטרעאל", ווי אַן אַקטיווע קולטור־טוערין, נאָר אויך ווי שרה בת טובים. צענדליקער אימיגראַנטן־משפחות, וועלכע זיינען געקומען אַהער נאָכן היטלער־חורבן, האָבן געוואוסט איר אַדרעס און געוואוסט, אַז קיינער וועט פאַר זיי אַזויפיל נישט טאָן וויפל איידע מאַזע. אויך די אַלט־איינגעזעסענע זיינען אין אַן עת־צרה געקומען צו איידען וויסנדיק, אַז זי וועט זיי מיט ליידיקן נישט אָװעקשיקן, אַז זי וועט אַלץ טאָן זיי צו העלפן.

ביי איר גאַנצער פאַרנומענקייט און דאגות־הכלל האָט די צאַרטע דיכטערין נישט פאַרפעלט זיך צו פאַרנעמען מיט דער דערציאונג פון אירע קינדער. איר זון, יוסף, זיך האָדעווענדיק אין אַ שטוב פון כולו ליטעראַטור, האָט פון זיינע פריסטע קינדער־יאָרן עס איינגעזאַפּט אין זיך און ער איז היינט פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אויפן מעקגיל אוניווערסיטעט.

אַלס שרייבערין און דיכטערין איז פאַר איידע מאַזע די ביבליאָטעק געווען איר ליטעראַרישע היים. אין משך פון לאַנגע יאָרן איז זי געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פון ביבליאָטעק און האָט אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד גענומען דעם אַקטיווסטן אַנטייל אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער אינסטיטוציע.

אויך די ביבליאָטעק האָט אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע באַציאונג צו איידע מאַזע און האָט פייערלעך אָפּגעמערקט אַלע אירע ליטעראַרישע דערפאָלגן, אַלע אירע דערשינענע ביכער.

נאָך איר טויט, דעם 13־טן יוני, 1962, האָט די פאַרוואַלטונג פון ביבליאָטעק בעת אַ ספּעציעלער פייערונג אַנטהילט דעם בראָנז־ביוסט פון דער דיכטערין, געמאַכט פון קינסטלער ב. מלחי, אין לייען זאַל, וואָס ווערט טעגלעך באַזוכט דורך צענדליקער אירע פאַרערער. איר נאָמען ווערט מיט פּיעטעט דערמאָנט פון אירע פילע פריינד צווישן די לייענערס און טוערס פון דער ביבליאָטעק.

משה בריינין

משה בריינין האָט ווייטער געצויגן די משפּחה־טראַדיציע פון זיין פאָטער, ראובן בריינין, דעם גרינדער און נאָענטן פריינד פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק. אין משך פון לאַנגע יאָרן איז ער געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ביבליאָטעק און אירער אַן איבערגעגעבענער פריינד.

אַליין אַ מענטש פון הויכער אייראָפּעישער קולטור, אַ בקי אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַ שפּראַכן־קענער, איז עס מער ווי נאַטירלעך, אַז ער זאָל אַרויסווייזן גרויסע פאַראינטערעסירונג אין דער אַרבעט און אַנטוויקלונג פון דער וויכטיקער קולטור־אינסטיטוציע, וואָס די ביבליאָטעק שטעלט מיט זיך פאָר.

משה בריינין האָט געטריי אָפּגעהיט די ירושה פון זיין פאָטער און איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז די ביבליאָטעק זאָל זיין די היים פאַרן ווערטפולן אַרכיוו און רייכער ביכער־זאַמלונג פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

משה בריינין האָט נישט בלויז אַליין גענומען אַ לעבעדיקן אַנטייל אין דער

אַרבעט פון ביבליאָטעק, נאָר האָט אויך פיל פון זיינע פּערזענלעכע פריינד פאַר־אינטערעסירט מיט אונדזער אינסטיטוציע.

בעתן בויען די איצטיקע געביידע איז ברייניןֹ געווען אַ מיטגליד פון בוי־קאָמיטעט און האָט פיל בייגעטראָגן, אַז די ביבליאָטעק זאָל באַקומען אַ געהע־ריקן בנין.

נאָך זיין טויט ציען זיין פרוי און קינדער ווייטער די „גאָלדענע קייט״ פון דער ברייניך־משפחה און געפינען זיך צווישן די נאָענטע פריינד פון דער ביבליאָטעק.

לואיס מ. בענדזשאַמין

לואיס מ. בענדזשאַמין איז געווען איינער פון די גרינדערס פון דער ביב־ליאָטעק און אירער אַ נאָענטער פריינד ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

פון באַרוף איז ער געווען אַן אַדוואָקאַט, אָבער נענטער צום הארצן איז אים געווען די יידישע זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן זייער פיל צייט און ענערגיע. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „קענעדער אדלער״, רעדאַקטאָר פון „טאָראָנטער יידישער זשורנאַל״, אַ סך יאָרן מיט־געאַרבעט מיטן טאָראָנטער „דזשואיש סטאַנדאַרד״, מיטן בולעטין פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, און אַנדערע אויסגאַבן.

ל. מ. בענדזשאַמין האָט איבערזעצט אין יידיש ראָמאַן ראָלאַנס גרויס ווערק „זשאַן קריסטאָף״, וואָס איז אונטער דער רעדאַקציע פון ק. פאַרנבערג דערשינען אין אַמעריקע.

אַלע יאָרן איז ל. מ. בענדזשאַמין געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, און ביז זיינע לעצטע טעג האָט מען אים געטראָפן אין ביבליאָטעק.

במשך די גאַנצע צייט פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער אינסטיטוציע איז ל. מ. בענדזשאַמין געווען צווישן אירע שטענדיקע פּרעלעגענטן. אין די ערשטע יאָרן האָט ער אָנטיילגענומען אין פאָלקס־אוניווערסיטעט, און ביז די לעצטע טעג איז ער געווען אַ רעפערענט אויף די פאָרומס, וועלכע די ביבליאָטעק פירט דורך צוזאַמען מיטן יידישן אימיגראַנטן פאַריין (האיאַס).

בערל נאַטורמאַן

אין משך פון לאַנגע יאָרן איז בערל נאַטורמאַן געווען איינער פון די וויכ־טיקסטע באַאַמטע פון דער ביבליאָטעק.

אַליין אַ געשעפטסמאַן, אַ פוטער־סוחר, האָט ער יעדן טאָג נאָכן אָראָפּוואַרפן פון זיך די בגדי־חול, די דאגות פרנסה, זיך אַוועקגעטראָגן אין דער וועלט פון רוחניות און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער אַרבעט פון דער ביבליאָטעק.

אַ חובב פון דער יידישער שפּראַך און קולטור האָט ער דאָ, אין די דלד אמות פון ביבליאָטעק, געפונען זיין גייסטיקע סביבה, וואו ער האָט זיך אָמבעסטן אויס־געלעבט. אַ ספּעציעלע ליבע האָט ער געטראָגן צו דער קינדער־ביבליאָטעק, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן פיל פון זיין צייט און ברויזנדיקער ענערגיע.

ביים בויען די נייע געביידע, וואָס האָט פאַרזיכערט דער ביבליאָטעק אַ נאָרמאַלע אַרבעט ווי אויך מעגלעכקייטן פון עקספּאַנסיע, איז בערל נאַטורמאַן געווען פון די ערשטע, וואָס האָט זיך באַשטייערט מיט אַ באַדייטנדיקער סומע, לפי ערך מער ווי זיינע מעגלעכקייטן.

צו נאַטורמאַנס ,,שוואַכקייטן" האָט אויך געהערט זיין ספּעציעלע ליבע צו יידיש טעאַטער. אין אַלע טעאַטראַלע אונטערנעמונגען און באַמיאונגען אין שטאָט האָט נאַטורמאַן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל.

אַלס אויסדרוק פון אנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט האָט מען, בעתן אויפבויען דעם נייעם בנין פאַר אונדזער אינסטיטוציע, אָנגערופן דעם קינדער ביבליאָטעק צימער אויף זיין נאָמען.

אין דער קינדער־ביבליאָטעק איז דאָ אַ שאַפע פון שיינע ביכער געווידמעט דעם אָנדענק פון בערל נאַטורמאַן — איר פיליאַריקן איבערגעגעבענעם פריינד.

געשטאָרבן איז בערל נאַטורמאַן נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט דעם 19־טן דעצעמבער, 1961.

משה מירסקי

משה מירסקי איז געווען אַ ניי־אָריבערגעקומענער אין מאָנטרעאָל; ער האָט געהערט צו דער שארית־הפליטה פון גרויסן יידישן קיבוץ אין פוילן.

אין זיין געבוירן־שטאָט, זשעטל, האָט ער געהערט צו די אָנגעזעענע געזעל־שאַפטלעכע טוער. ער איז געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יידישער שול, ביבליאָטעק, און אַנדערע אינסטיטוציעס. אין די נאַצי־יאָרן איז מירסקי צוזאַמען מיט זיין פרוי אַוועק אין די וועלדער, וואו ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט יידישע פּאַרטיזאַנער גרופּן אין די ליפּיטשאַנסקער פּושטשעס.

קומענדיק אין מאָנטרעאָל אין 1949, געפינט ער אין דער יידישער ביבליאָטעק זיין גייסטיקע היים. ער ווערט אויסגעוויילט אין דער פאַרוואַלטונג פון ביבליאָטעק און נעמט אַ לעבעדיקן אַנטייל אין איר אַרבעט. ער ווערט אויך אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון דער קולטור־קאָמיסיע און העלפט פּלאַנירן און אָנפירן מיט דער קולטור־אַרבעט. ביים בויען דעם איצטיקן ביבליאָטעק־בנין נעמט ער אַן אַקטיוון אַנטייל.

די שווערע איבערלעבונגען בעת די נאַצי־יאָרן האָבן אונטערגעגראָבן זיין געזונט און אַ שווערע קראַנקהייט שמידט אים אויף לאַנגע יאָרן צו צום בעט. פון קראַנקן־בעט ווייזט ער נאָך אַרויס זיין צוגעבונדקייט צו דער ביבליאָטעק און האַלט אַן מיט איר אַ פאַרבינדונג.

דער פריצייטיקער טויט פון משה מירסקי, דעם 1־טן מערץ 1959, האָט טיף געטראָפן זיינע פריינד פון ביבליאָטעק און אַלע, וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין באַרירונג.

יוסף שאַפּראַן

מיטן טויט פון יוסף שאַפּראַן האָט די ביבליאָטעק פאַרלוירן איינעם פון אירע בויער און איבערגעגעבענע טוער אין משך פון קנאַפּע פינף צענדליק יאָר.

שאַפּראַן האָט געהאַט אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר יידישער קולטור־שאַפונג, און דאָס האָט אים געפירט צו דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק. ער אַליין האָט מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן און כוחות געהאָלפן פאַרשענערן און פאַרגרעסערן דעם דאָזיקן צענטער, סיי אין כמות סיי אין איכות.

מיט זיין איינגעבוירענער אינטעליגענץ און שאַרפן אַנאַליטישן חוש האָט ער געקאַנט אָפּטיילן עכטע קולטור־ווערטן פון פסעוודאָ־קונסט, און האָט געהאָלפן דער ביבליאָטעק זיך צו שטעלן אויף איר געהעריקער הויך.

שאַפּראַן האָט זיך באַמיט און געהאָלפן, אַז די ביבליאָטעק זאָל זיין אַ יידישע נישט בלויז לויט איר נאָמען, נאָר אויך לויט איר תוכן, אַז יידישער אינהאַלט זאָל אָנפילן אירע ווענט.

אַליין אַ גוטער קענער און איבערגעגעבענער טוער פאַר דער יידישער קולטור האָט ער הויך געשעצט אַלע עכטע קינסטלער, וואָס שאַפן קולטור־ווערטן און באַרייכערן אונדזער גייסטיק לעבן.

זיין איבערגעגעבנקייט צו דער ביבליאָטעק און קונסט האָט מען געקאָנט זען בעת מ׳האָט געבראַכט אַהער די בילדער פון אוישוויצער קדוש־קינסטלער, מאַריץ ליבלינג. שאַפּראַן האָט אַליין, טאָג און נאַכט, במשך פון וואָכן, געאַרבעט אויף ברענגען זיי אין אָרדענונג. ער האָט די בילדער גערייניקט, געפּוצט, גערופן פאַכמענער, און זיי פון זיין קעשענע געצאָלט פאַר זייער אַרבעט, ביז ער האָט די ווערטפולע בילדער־גאַלעריע דערפירט צו פולשטענדיקער אָרדענונג.

די ביבליאָטעק האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָפּגעשאַצט די איבערגעגעבענע אַרבעט פון יוסף שאַפּראַן. בעת מען האָט געקויפט די פריערדיקע ביבליאָטעק־געביידע אויף 4099 עספּלאַנייד און ביים אויסבויען דעם איצטיקן בנין, האָט מען שאַפּראַנען פּרעזענטירט מיט גאָלדענע שליסלען.

שבע אַרטענבערג

שבע אַרטענבערג האָט מיט איר שיינער פּערזענלעכקייט און פיינער קולטור שטאַרק באַווירקט דאָס יידישע קולטור־לעבן ביי אונדז אין שטאָט.

נישט געקוקט אויף אירע משפחה פליכטן, האָט זי געפונען גענוג פרייע צייט פאַר איר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דערביי האָט זי כסדר געאַרבעט אויף צו פאַרגרעסערן איר אייגענעם באַגאַזש פון וויסן, צו באַרייכערן אירע ידיעות.

אַ ליבהאָבערין פון ליטעראַטור און באַזונדערס פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט זי אָרגאַניזירט לייען־קרייזן, אויף וועלכע מען האָט צוזאַמען געלייענט און דיסקוטירט איבער פאַרשידענע קולטור־פּראָבלעמען.

מיט דער ביבליאָטעק־אַרבעט איז שבע אַרטענבערג געווען פאַרבונדן אין

משך פון איר גאַנצן לעבן. זי האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם פרויען־פאַראיין ביי דער ביבליאָטעק און איז ביז איר טויט געווען די פאָרזיצערין פון אָט דעם פאַראיין. דער פאַראיין פירט אָן די גאַנצע צייט מיט אַ ברייטער קולטור־פּראָגראַם און צענדליקער פרויען האָבן דאָ באַרייכערט זייערע ידיעות, וויסן, זיינען געוואָרן רייפע געזעלשאַפטלעכע טוער.

שבע אַרטענבערגס שטוב איז געווען ברייט באַקאַנט אין דער יידישער שרייבער־וועלט. דאָס איז אין משך פון יאָרן געווען אַ טראַדיציע, אַז באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, שרייבער און קינסטלער, וועלכע האָבן באַזוכט מאָנטרעאָל, געווען געסט פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק, זיינען אויפגענומען געוואָרן אין דער גאַסטפריינדלעכער ליטעראַרישער היים פון שבע אַרטענבערג.

שבע אַרטענבערג איז געשטאָרבן דעם 29־טן סעפּטעמבער, 1963, און מיט איר טויט האָט די ביבליאָטעק און ספּעציעל דער פרויען־פאַראיין, געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט.

א. סער.

הירש (הערמאַן) זיגער

אין נאָוועמבער 1964 איז אַוועק פון דער וועלט איינער פון די געטרייסטע טוערס און פריינד פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק הירש זיגער ע״ה.

ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. אַן איבער־געגעבענער און אַקטיווער נאָך אין יענע צייטן, ווען מ׳האָט באַדאַרפט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען כדי צו דעקן דעם בודזשעט פון דער אינסטיטוציע. קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט געווען צו שווער און אויב מ׳האָט געקענט עפּעס בייטראָגן צו דער ביבליאָטעק.

כל ימיו איז ער געווען אַן אַרבעטער אין פאַבריק. בכבוד אויסגעהאַלטן זיין משפחה, אָבער זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן זיין באַליבטער אינסטיטוציע. אַפילו אין זיינע פרייע מינוטן, בעת דעם מיטאָג־איבעררייס אין פאַבריק, האָט ער „אָפּגעשפּאָרט״ אַ האַלבע שעה, און איז געגאַנגען „דעקן״ זיינע קאָרטלעך פאַרן יערלעכן קאַמפּיין אָדער פאַרקויפן אַ בילעט צו אַ ליטעראַרישער אונטער־נעמונג פון דער ביבליאָטעק.

אָנטייל נעמען אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג, בייזיין אויף אַ לעקציע אָדער אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט — דאָס איז געווען זיין יום טוב, זיין עונג רוחני.

מיט דער געטרייַשאַפט און ליבשאַפט פון אַזעלכע מענטשן ווי זיגער זיינען אין מאָנטרעאָל (און וואו ניט?) אויפגעבויט און אויסגעהאַלטן געוואָרן אַלע קולטור־אינסטיטוציעס וואָס מיר פאַרמאָגן היינט.

אויף וויפיל די אינסטיטוציע איז אים געווען טייער און ליב זיינען כאַראַק־טעריסטיש דער פונקט פון זיין צוואה: זיין ארון זאָל זיין דער בילעקסטער, און דעם אונטערשייד אין מקח זאָל מען אָפּגעבן דער ביבליאָטעק צוזאַמען מיט זיינע יידישע ביכער.

בעת זיין לוויה האָט אַ פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג אים מספּיד געווען, און אויף אַ זיצונג איז באַערט געוואָרן זיין אָנדענק און זיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן מיט גרויס פּיעטעט.

OFFICERS AND BOARD OF DIRECTORS, JEWISH PUBLIC LIBRARY, 1964

M. LAUTER, *President*

J. GROSSMAN, *Vice-President, Chairman Education Committee*

A. TRAPUNSKY, *Vice-President, Chairman Finance Committee*

N. MYERSON, *Vice-President*

L. ZUKER, *Vice-President*

I. BERMAN, *Treasurer*

S. WINKLER, *Treasurer*

S. ABRAMSON, *Honorary Secretary*

A. FINKELSTEIN, *Chairman, Administrative Committee.*

M. H. MYERSON, *Honorary Solicitor*

N. ORTENBERG, *Chairman, House Committee*

MRS. J. GOLDBERG, *President, Ladies' Auxiliary*

D. ROME, *Director*

OTHER MEMBERS OF THE BOARD

M. ALPER
J. BERMAN
MRS. J. BOMZA
S. COHEN
MRS. G. GERSHONOVITCH
J. GOLDBERG
MRS. J. GROSSMAN
S. GRUNDLINGER
H. IVRY
MRS. H. IVRY
DR. J. KAGE
B. KAHN
H. KALLES
I. KLEIN
S. LAPIN
MRS. S. LAPITSKY
P. LIPSHITZ
I. MAMELACK
MRS. M. MIRSKY
MRS. L. MELMAN
N. MYERSON
W. OSTREGER
S. PEARL
M. RAVITCH
J. ROSENFELD
MRS. C. ROSENZWEIG
MRS. F. ROTSTEIN
MRS. B. SHAFFER
MRS. S. SEGAL
M. SILVER
W. WEINSTEIN
H. ZIGER

Board decided to send out to thousands of periodicals and institutions a photo story on a Canadian library. The Jewish Public Library of Montreal was chosen for this honor and a staff photographer was assigned to Montreal for this purpose. The many hundreds of photographs which he took constitute a remarkable visual record of the Institution. The photo-story which the National Film Board issued on the Jewish Public Library which appeared in 62 Canadian newspapers and in scores of other periodicals all over the world.

Similarly, the Quebec Library Association in its submission to the Royal Commission on Education selected the Jewish Public Library for for special and extensive treatment and recommend that the Government inncrease its support of this Jewish institution considerably.

In the present context of cultural rivalry and consolidation in Canada the Jewish Public Library, as the natural instrument for the cultural expression of the Jewish community, inevitably has come to play an especially important part. As Canadians seek to define the culture of the several parts of the nation, they naturally turn to the Jewish Public Library for a reflection of the Jewish reality. On many occasions the Jewish Public Library has been invited by the press, the radio and television and, by sociological, interfaith and academic institutions to present the Jewish experience on a variety of subjects.

It is of some significance that the Director of the Jewish Public Library was named to the Arts Council of the Provincial Ministry for Cultural Affairs when it was first established in 1961.

This recognition is also reflected in the treatment of the Jewish Public Library by the Government authorities of Province and of City. The Jewish Public Library is recognized by the Ministry of Cultural Affairs of the Province of Quebec as one of the libraries deserving of financial support from its budget for Library development. By the same token, the City of Montreal during the term of office of Mayor Jean Drapeau, included the Jewish Public Library among the libraries which serve the citizenry and which deserve support from municipal funds.

At first these contributions from tax monies were nominal in scope. But they have increaed in the course of time as the Jewish Public Library has justified these allocations. By now they constitute some 20% of the total income of the library.

In the Jewish Public Library readers are encouraged to explore their Jewish heritage and to direct their imagery along the lines of the historic and biographical experiences of Jewish generations.

The books of the Jewish Public Library have evoked in thousands of Jewish imaginations the feelings and moods which Jewish poets and novelists have captured on paper. This collective experience in reading—unique to Montreal in its intensity—has helped to give a special character to this city and, in turn, has given the Jewish Public Library a particular place in the affections of the public.

This is a Jewish loyalty, a close relationship with a Jewish institution. But it is the more complete for being a part of a more general relationship, to world culture, to Canadian civilization. For the library is their centre for all reading, not only for Jewish reading and for Jewish experiences.

Jewish culture in the Jewish Public Library is integrated with the total man and with his significant biography.

THE LIBRARY IN ITS SOCIETY

The readers in the Jewish Public Library and the thousands who take advantage of its cultural services for adults and for children constitute a family united by a common home and common interests.

But there is the outside world, the society in which the Library functions, the governments which carry overall responsibility for society; they are the financial institutions which must provide the wherewithal for its functioning and must therefore be constantly appraising and passing judgment upon its work.

It is from this society that the Library draws its readers, its program, its raison d'etre.

Everyone connected with the Library knows that these exterior relations are of legitimate and even of vital importance. They also know that the proper cultivation of this area of interest deserves extensive and skilled effort. It is an effort which lies beyond the usual functioning of the cultural program of the institution, and librarians tend to begrudge the energies thus diverted from the essential function of the library, a descent from the areas of values to those of purposefulness.

The Jewish Public Library has proven fortunate in that its good name has grown in recent years.

An example of the esteem in which the Jewish Public Library is held may be found in the files of the National Film Board in Ottawa.

On the occasion of Canadian Library Week the Stills National Film

Youth Group, Jewish Public Library with Dora Wasserman.

A PUBLIC LIBRARY

The Jewish Public Library is a public library.

In the modern world the word has a spiritual meaning equivalent to that of school, church or hospital. It is a public institution meeting an essential need for the human spirit. It is every man's key to knowledge which entitles and enables him to know everything he wishes to know, to analyse and question and confirm everything he is told, to enter all the realms of experience and to explore emotions and universes which are new to him. It is the key which makes his freedom meaningful. The public library is the level of equality where Everyman is the equal of kings and potentates. In any modern society the public library is the measure of the community's vitality and freedom.

For Montreal's Jewish residents the Jewish Public Library is the institution where professors and tiny tots, housewives and poets, businessmen and labourers, come as equals to exchange novels, to taste poetry, to read plays and to study science. Every book borrowed by a reader represents in fact the experience of hours of imagination shared with an author or the intensive perusal of facts on a selected subject.

In the case of the Jewish Public Library the annual statistics hide the full measure of some 70,000 such experiences which its readers lived through during the year. Of these many came through Yiddish books, many in Hebrew — a significant reminder of the place which these languages hold as the imaginative medium of the community.

About a third of the library's books are in Yiddish or Hebrew. Some 10% of the circulation of the Jewish Public Library is classified as Judaica, books of Jewish interest written in English.

Over half of the total circulation of the library is with children. This is particularly reasssuring in the light of the common concern that young people tend to read less in a world too full of other attractions. It is good to know that the magic of the imagination is as powerful as ever.

Children's librarians in the Jewish Public Library, as everywhere, are keenly conscious of their responsibility in fostering and directing the tastes and interests of their clients. They know that a book well chosen will open up for a child perspectives and kingdoms of pleasure or of inspiration; the wrong book at another moment may shut off the reading habit for months or forever, and leave a person underprivileged and culturally retarded for life.

were efforts which were not justified by the results. But the Jewish Public Library is equally grateful to all who participated in these several explorations. The Adath Israel Congregation and its school system and the Hadassah Organization of Canada were most helpful in these phases of the branch program.

At the present time the Library operates branch services in the William Wise Memorial Library at the Beth Orah Synagogue, 2600 Badeaux St. in Western St. Laurent; at the Young Israel Congregation of Val Royal, Petit St., in St. Laurent, and in the L. Zuker Building of the J. L. Peretz School, Wavell and Westminster Sts. in Cote St. Luc.

In each of these branches there is an excellent collection of good current reading in fiction and in informational books, in Yiddish as well as in Hebrew, for children and for adults. But the reader who visits these branches also has at his call all the tens of thousands of other books which are in the main library or in the other branches. These are delivered promptly to the branches after a telephoned request. The reader can thus take advantage of the total book resources of the library systems and also of its collection of pamphlets and other fugitive materials and of its complete advisory and bibliographic service.

In addition the Library is carrying on a certain educational activity in some of these branches. Thus, for a time the Library cooperated with the Peretz School in offering courses for adults in Yiddish literature and in Jewish history. In Val Royal the Library had a program of Yiddish folk singing and story telling for children. Currently classes in Jewish concepts based on Bible texts are offered in the Beth Orah Synagogue and in Cote St. Luc.

The greatest treasure which the library possesses in these areas is the corps of volunteers who have been giving endless hours of their leisure time to the operation of these branches with an exemplary efficiency and promptness which is the envy of professional librarians. There is probably not another volunteer effort in the community which can boast of so many dedicated workers, giving so much so selflessly, so anonymously, so steadily to a community cause.

Montreal Jewry owes profound thanks to these volunteers, headed respectively by Mrs. J. Ruskin, Mrs. L. Sazant, Mrs. H. K. Field, Mrs. Solomon and Mrs. Soicher. Their truer gratifications comes from contact with their enthusiastic readers, from the pleasure they derive from their work and from their association with the realm of books.



Members of the Board, Jewish Public Library

from own group and the respect and recognition of all other groups. They also receive the support of the state which represents the total population of the country.

In this set-up (and only in this set-up) it was possible for a Jewish library to develop which seeks to fulfill all the functions of a general community library and, at the same time, to act as the crusading force for the advancement of Jewish culture, for the promotion of Jewish values and traditions and for the propagation of Jewish ideals.

The Jewish Public Library is a fascinating example of the application of high social principles to day-to-day living in our fluid twentieth century in Canada.

BRANCHES

In recent years the Jewish Public Library has witnessed an expansion through a unique system of branch operation.

As a result the residents of three outlying areas of Montreal are benefitting from branch service in their immediate vicinity. Some 20,000 volumes are circulated annually to children and adults, and the social value of the schools and synagogues which cooperate in this program is notably increased.

By force of circumstances this program had to be developed on a unique basis, for the Jewish Public Library is not in a financial position to erect, or even to rent, quarters in various parts of the city, to staff them with the specially-equipped personnel which the nature of the Jewish Public Library requires, and to equip each of them with the number of volumes essential to a branch library.

An experiment was therefore set up to mobilize the good will of the institutions and of the devoted men and women in these areas in such a manner as to make possible the operation of branches on a more economical basis. This has required a delicate adjustment between the policies and aims of various institutions with those of the Jewish Public Library; establishment of close confidence so as to permit gearing of personnel and administration of those institutions with the Jewish Public Library and, above all, the mobilization of devoted volunteers.

In the development of this program there were false starts and there

A UNIQUE INSTITUTION

The Jewish Public Library of Montreal is the only institution (outside Israel) under *Jewish* sponsorship providing a community with general public library service.

It is the only *Jewish* public library which functions as a *public* library offering its readers books in a variety of languages (not only in Yiddish or in Hebrew) on all general subjects of interest to the readers, (not only on Jewish subjects).

At the same time it is a Jewish library in the sense that it specializes in books in Yiddish and in Hebrew and on all subjects of Jewish interest.

Thus a large percentage of the Jewish Public Library books are in the English language and consist of novels, plays, biographies, psychology, current affairs, etc.

Furthermore, the Jewish Public Library serves all comers regardless of race or creed. At the same time the Jewish Public Library is a unique center of Jewish culture, Jewish research and of Jewish adult education, and the institution is, of course, composed of Jewish membership and administered by the Jewish community.

This unusual and even unique fact has its foundation in the deep and essential constitution of the community and of the nation. It has had profound results. It has profound potentialities for future growth and enrichment.

Those who are interested in canadian cultural realities will do well to examine this background.

Montreal is the metropolis of the Province of Quebec which lives by a social philosophy different from the other nine provinces and from the neighboring American states. These differences are established in law, in usage and in the aspirations of the millions of its people.

According to this philosophy, schools, universities, hospitals, libraries and many other social and cultural services are in the proper field of initiative of the respective cultural and religious groups which compose the total population. The institutions which incorporate these initiatives are encouraged to give their own cultural or religious tinge to their programs.

Thus we have Catholic and Protestant public schools, English-language universities, French-Canadian charities and Jewish philanthropies.

All of them enjoy the power and the initiative which they derive

Hence the adjustment which the library is constantly making to the kaleidoscopic community.

From year to year the program of the library changes. Even its locale shifts as new branches are opened. English has become, in fact, the language of the major part of the present Canadian Jewish community, as Hebrew, Aramaic and Yiddish remain the languages of its cultures and of its heritage. The tremendous growth of Jewish literature in English is proving that the individual Jewish citizen remains as deeply interested in the fantastic record of our people as he ever was when all his reading was in Yiddish or in Hebrew.

However, if the Jewish Public Library is not to become only a dispenser of the simplest writing of entertainment fiction, it must fulfill its historic function as an educational institution; it must make available and promote the reading of finer books, of informative books, of inspiring books, of books that move mankind in action and in feeling, of books that continue and enhance the accumulating treasure of our people, the heritage of refinement and elevation which loving generations have bestowed upon us.

This means in practical purpose the advancement of Yiddish and Hebrew as the linguistic keys to these riches, and nurturing the love and loyalty which bind our people and give meaning to institution and to community.

The present 50th anniversary of the library is a moment of rallying of all who share this concern for Jewish culture and for all who believe that the Public Library, as a public resource for information and for experience and for entertainment, is the birthright of a free society. We call upon every such citizen to join in strengthening this institution, so that it can more effectively fulfill its mission, so that all which is dear to the Jewish people shall be more clearly and widely recognized for its true worth and as of central value in universal humanity.

—MICHAEL LAUTER,
President,
Jewish Public Library

A WORD FROM THE PRESIDENT

The present administration of the Jewish Public Library bears a particular responsibility. Fifty years after the founding of the library we are in duty bound to pause, to recall the past, to appraise the present and to plan for the future.

Certain very specific ideals inspired the founders 50 years ago. Many of the circumstances of those times have changed since, but what is precious in their ideals is of permanent value. This we are bound to maintain and to continue.

There come to mind their love of books and of every printed word, their high regard for authors and for thinkers, their demanding standards of consistency and sincerity, their dedication to freedom, and their realization that without knowledge and without literature there can be no freedom.

We bring to mind anew their intense feeling for Judaism, their love of each element of our heritage, the profound values they attached to the Yiddish and the Hebrew languages — and even to the square letters in which our literary heritage has been traditionally printed.

They intended that the Jewish Public Library should be the people's university, the centre for its authors and the treasury of its archives.

History records how they strove to realize their ideals, and how during succeeding years their followers sought to give continuity to their aspirations while adapting themselves to new conditions and to new needs.

History provides a continuing challenge to Jewish culture. Never has this challenge been more harsh than it is today, impoverished as we are by the tragic losses of recent decades and weakened as we are by the temptations and attractions of a new affluent society which has not yet found a stable place or sure function for the accumulation of ancient traditions.

The Jewish Public Library faces frankly up to the opportunities, freedoms and challenges of our society. At the same time it strives to incorporate the proven values of the Jewish heritage into the totality of the new times. The Hebrew and Yiddish languages which are dear to us certainly have a place in the new cosmopolitan world. The ethical and social aspirations of Judaism can enrich the man and woman of tomorrow .Indeed, these humanistic resources are essential if the citizen of the wider and richer state of tomorrow is to increase in personality as profoundly as he is to improve in comfort and in wealth.

Printed by Eagle Publishing Co. Ltd.
Montreal 9

Jubilee Dinner, Jewish Public Library, Oct. 11, 1964 with the Hon. G. E. Lapalme, Minister of Cultural Affairs, Province of Quebec. Mr. Lauter delivering his presidential address.